# דער יוד

# (DER JUDE)

צייטשריפט

## פיר אלע יודישע אינטערעסען.

ערשיינט יעדע וואָך.

פערלאג: חברה „אחיאסף“.

דער פרייז פיר רוססלאנד:
גאנץ יאָהרליך —.5 רוביל.
האלב יאָהרליך —.3 רוביל:
פיערטעל יאָהרליך 1.50 רו"כ.
מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רוביל
דען 1טען אפריל — 2 „
דען 1טען אויגוסט — 1 „

ענדערען די אררעסע קאסט 20 קאפ.

אבאנאמענטס פרייז יאָהרליך:
אָסטרייך-אונגארן —.6 פלארין.
האַלביאָהריג —.3 „
פירטעליאָהריג 1,50 „
דייטשלאנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פראנק.
אנדערע לענדער —.15 „
אמעריקא, ענגלאנד—.10 שילינג.

פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדער קליינע שורה פעטיט 10 קרייצער, 25 פפעניג, 10 קאפ.

Krakau. 8 Februar 1900. | נומר 5. | קראקוי"א, אדר א' תר"ס.


| ה. תר"ס ← וואכען־קאלענדער (לוח) ← 1900 | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| די טעג פון חודש | די טעג פון וואָך | אדר א' (יאנוואר) פעברואר־לוטי | | נייער ס. פעבער | אלט. ס. יאנוואר |
| יב | זונטאג | | | 11 | 30 |
| יג | מאנטאג | | | 12 | 31 |
| יד | דינסטאג | פורים קטן. | (פעוורואל | 13 | 1 |
| טו | מיטוואך | | | 14 | 2 |
| טז | דאנערס. | | | 15 | 3 |
| יז | פרייטאג | | | 16 | 4 |
| יח | שבת | פ' כי תשא. | | 17 | 5 |

| טאג | יאהר | קורצע פערצייכנונגען פון דער יודישער געשיכטע. |
|---|---|---|
| י"ג | ה.שכ"ח | איז נפטר געווארען אין קראקוי ר' ישראל איסרל דער פאָטער פון רמ"א. |
| י"ד | ה.תר"כ | איז געגרינדעט געווארען די חברה כל ישראל חברים אין פאריז. |
| י"ז | ה.תקצב | איז נפטר געווארען דער גרויסער בעל מדקדק ר' וואָלף היידנהיים. |
| י"ז | ה.תריד | איז נפטר געוואָרען ר' חיים דאווידזאן דער אב"ד אין ווארשוי. |

## אינהאלט:


א) הונגער. — י. ל.
ב) דאָס ניי-פראָיעקטירטע ציוויל-רעכט. — —ין.
ג) אונזערע גימנאַזיסטקעס. — ש. גיטעלסאָן.
ד) פאליטישע איבערזיכט. — י. ל.
ה) בריעף צו מיין עלטער באָבע. ד. — שמואליק.
ו) צווישען אונז גערעדט. — מ. חיות.
ז) די יודישע וועלט.
ח) אלגעמיינע וועלט נייעס.
ט) דור המדבר. געדיכט. — ל. יפה.
י) עראינערונגען פון קינדישען לעבען. — י דינעזאָהן.
יא) נייע ביכער. רעצענזיע. — בעל מחשבות.
יב) די פאַמיליען-פאַפירען. — א. ש. פריעדבערג.
יג)) מיליאָנען. פעלעטאָן. — שלום עליכם.



צו אַבאָנירען:

אין קראקא:
Administration „DER JUDE“, Krakau, Dietelsgasse 45.

אין ווארשא:
Verlag „Achiasaf“, Warschau, Postkiste Nr 25,
mündlich: Twarda 6, Thür II.

אין וויען:
E. Torczyner, Wien I, Rudolfsplatz 6.

אין לאדז, ביי אונזערעם פערטרעטער:
S. Hochberg, Lodz, Cegielnianastr. 36.

„דער יוד“ איז אויך איינגעטראגען אין דער צייטונגספרייזליסטע דער ק. ק. עסטרייכישען פאָסט אונטער דער נומער:
1920 a Nachtrag VII.

## אל חותמי „ה ש ל ח"!!

כידוע להקוראים הנכבדים הלך עורך „ה ש ל ח" מר אשר גינצברג במלאכות הועד האידיסי בראשית החורף הזה לאה"ק, ושתי החוברות האחרונות (ל"ה ל"ו) מכרך הששי נערכו ע"י הד"ר ש. ברנפלד, למען לא יפסק הכרך הזה באמצע. עתה גמרה חברת אחיאסף (המו"ל את „ה ש ל ח") בדעת ה לעכב את הוצאת „השלח" לפי שעה עד אשר ישוב מר גינצ-ברג מדרכו בח' אפריל שנת 1900.

מטעם זה יהיה מספר חוברות השלח בש' 1900 רק שמונה, ומחירן יהיה 4 רו"כ ברוסיא ולפי הערך הזה במטבע של שאר המדינות.

הותמי „השלח" אשר כבר שלחו דמי החתימה לש' 1900, יקבלו את השלח במועד צאתו לאור.

ברגשי כבוד

**חברת אחיאסף.**

---


## יודישע שפריכווערטער.

א זאמלונג פון י. ב. הערויסגעגעבען פון מ. ספעקטאר.
ארייכע אויסגאבע. עס געפינט זיך צו פערקויפען די לעצטע 25 עקז'.

פרייז 2 רובל מיט פארטא.

צו בעקומען ביי:

**M. Spektor, Warschau, Nowolipie 51 a.**

אדער

**Verlag „ACHIASF", Warschau.**

---

**DOM AGENTUROWO-KOMISOWY**

# WACŁAW HENRYK KREMKY.

AGENTURA i SKŁAD FABRYCZNY

**WYROBÓW PERFUMERYJNYCH**

A. SIOU & Co. w Moskwie.

**REPREZENTACJE DOMÓW ZAGRANICZNYCH.**

**Warszawa, Leszno Nr. 22.**

---

## צוקקער־קאלליאר כשר לפסח.

עס איז צו בעקומען ביי אונז צוקקער־קאלליאר פסח'דיגע בהכשר הרב הגאון ר' זרח דישקין.

Zucker-Kollier-Fabrik in GRODNO, Vorstadt.

---

## צו אונזערע געעהרטע מיטארבייטער!

מיר בעטען אונזערע ג. מיטארבייטער,
אלע ארטיקלען פאר דעם „יוד" צו שיקען
אויפ'ן אדרעס פון „אחיאסף":

**Verlag „ACHIASAF", Warschau.**

---

# לוח אחיאסף תר"ס

## נמכר כלו ואיננו עוד!!

---

**Fabryka perfum i kosmetyków pod firmą „IRIS"**

## H. Lachs, Warszawa, Solna 9




poleca zatwierdzony przez Warszawski Urząd lekarski za Nr. 337

**Puder „Iris",** zupełnie nieszkodliwy.

Wskutek podrabiania upraszam o zwracanie uwagę na zatwierdzone przez Ministeryum Finansów w Rosyi fabryczne znaki „Iris" Nr. 337.

**Dostać można we wszystkich składach aptecznych i perfumeryach.**

Żądać z podpisem: *H. Lachs.*

---

ערלויבט דורך דער ווארשויער מעדיצינס בעהערדע אונטער ציגניטע נו' 1866.

## וויכטיג אונד אונענטבעהרליך פיר גוטסבעזיטצער, לאנדווירטהע, מאלקעריייען, עט"צ עט"צ!!

## פהאספהארזויער (פוטטער) קאלק

בעסטעס מיטעל ביי פיהע צו פערמעהרען פיעל גוטעס און פעטטעס מילך און דאס די פיהע גוטע און גרויסע פרוכט ברענגט. פראספעקטע גראטיס.

ווידער פערקויפער ווערדען געזוכט.

פערטרעטער פיר רוסלאנד:

## SCHKUROW & JELIN, BIALYSTOK.

---

Ch. Ritzenberg



Warszawa, Dzika 44.

די בעוואוסטע פאבריק פון גילזען מאשינען ארבייט אויס אויך מאשינען צו שטאפּ-גילזען נייעסטער סיסטעם. פיר גוטהייט און דויערהאפטיגקייט ווירד גאראנטירט.

---

## ברוך־בענדער!



האלטען איין דען שווערסטען ברוך אונד דריקען נישט דעם קערפער. נאגראדע פאן דאקטארסקע אויסשטעלונג.

**D. MOSZKOWSKI,**

**Warszawa, Muranów 16.**

II. Jahrgang. DER JUDE. Nr. 5.

דער פרייז פיר רוססלאנד:
גאנץ-יאהרליך —.5 רוביל.
האלב יאהרליך —.3 רוביל.
פירטעל-יאהרליך 1,50 רוביל.
מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רוביל
דען 1טען אפריל — 2 "
דען 1טען אויגוסט — 1 "

ענדערען די אדרעסע קאסט 20 קאפ.

# דער יוד

צייטשריפט
פיר אלע יודישע אינטערעסען.
ערשיינט יעדע וואך.
פערלאג: חברת „אחיאסף".

אבאנאמענטס פרייז יאהרליך:
אסטרייך-אונגארן —.6 פלארין.
האלביאהריג —.3 "
פירטעליאהריג 1.50 "
דייטשלאנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פראנק.
אנדערע לענדער —.15 "
אמעריקא, ענגלאנד—.10 שילינג.

פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדע קליינע שורה פעטיט
10 קרייצער, 25 פפעניג, 10 קאפ.

Erscheint Donnerstag.

Krakau, 8. Februar. 1900. נומער 5. קראקויא, אדר א׳ תר״ס.

## הונגער.

די ענגשאפט, אין וועלכער די יודען לעבען אין די רוסישע שטעדט, די צו גרויסע צאהל פון קליינע סוחרים׳ליך, קרעמער און בעלי מלאכות, די אונגעהויער גרויסע מאסע פון יודען אהן בעשטימטע בעשעפטיגונגען, וואס לעבען נור פון ווינד און רויך, זענען פון לאנג אן די סבות וואס מאכען די יודען ארים, וואס צווינגען זיי צו לעבען אין דחקות און נויט. אין רוהיגע צייטען לעבט מען נאך ווי עס איז, מיט קאפדרעהעניש און מאטערניש האלט מען נאך פלומרשט איף דעם זינדיגען גוף, מען זאגט זיך אב פון אלין, מען לעשט אויס אין זיך דאס שטרעבען צו א בעסערען לעבען, מען זעהט צו זיין צופרידען מיט דעם וואס מען האט, די פערלאנגען ווערען קלענער און דאס גאנצע לעבען געהט נור אוועק אין זארג, אין מאטערניש און אין קאמפף פאר דעם גראשען, פאר דאס טרוקענע ברויט. פינסטער און שמערצליך איז אזא לעבען, וואס טויט אב ביי דעם מענשען אלע העכערע געפיהלען, אבער דאס רוב יודען וואס פיהרען אזא לעבען פאסען דאך צו ווי ס׳איז זייערע בעדערפנישען צו די קליינע מיטלען, וועלכע זיי קענען דערלאנגען. אבער אויך דאס דאזיגע לעבען פון אונזערע ארימע ברידער האט אונטער זיך קיין יסוד ניט, דער דאזיגער מצב, האטש ער איז גענוג טרויעריג, איז אויך זעהר ניט פעסט. די קלענסטע שלעכטע פערענדערונג אין דער לאנדווירטשאפט, האנדעל און פאבריקאציאן מאכט א גאנצע איבערקעהרעניש אין לעבען פון אונזער פאלק, דער קלענסטער ווינטעל צורייסט אלע יודישע געשעפטען און צעשטערט דאס לעבען פון טויזענדער יודישע פאמיליעס. פריהערדיגע בעלי בתים ווערען אביונים און די וואס האבען געלעבט אין דחקות הויבען אן צו ליידען פון הונגער און קעלט. דאס נישט גערעטעניש פון לעצטען יאהר און די באנקראטען אין דער מסחר וועלט האבען איין פאמיליע נאך דער אנדערער ארויסגעווארפען אויפ׳ן גאס, פון דעם קרעמער צוגענומען זיין סחורה און פון דעם בעל מלאכה זיין ארבייט, און דעם קליינעם סוחר׳יל און ווינדמענש טאקי מעהר ניט איבערגעלאזען ווי ווינד און רויך, פאר איהם, פאר זיין פרוי און פאר זיינע קינדערליך. די ארימקייט שטייגט פון טאג צו טאג, און ווי א שלעכטע קריינק האפט זי וואס ווייטער ארייין אלין מעהר שטעדט און אלין מעהר מענשען.

די שרעקליכע ארימקייט וואס מאכט א תל פון יודישען לעבען איז אין רוסלאנד ניט דערארטיג אז זי זאל גאר ניט קענען פערבעסערט ווערען. אין דעם פרט איז אונזער לאגע אין רוסלאנד פיעל א בעסערע ווי אין גאליציען. אין גאליציען זענען אונזערע אויסזיכטען אויף פערבעסערונג זעהר קליין. גאליציען איז ארים און מוז בלייבען ארים, ווייל זי האט ניט קיין געטריידע, זי האט ניט קיין קוילען אדער אנדערע אייגענע פראדוקטען, זי איז אן׳אבגעשלאסענעס לאנד, וואו עס קען זיך ניט הויבען דער האנדעל און וואקסען די פאבריקאציאן. אנדעריש אבער איז אין רוסלאנד. די פרוכטבארע פעלדער, די גרויסע אוצרות פון דער ערד און וועלדער שאפען פאר דעם האנדעל די שענסטע אויסזיכטען, די פאבריקאציאן איז ערשט אין דער לעצטער צייט ארויסגעקומען אין רוסלאנד און עפענט א אונגעהויער גרויסעס ארבייטספעלד, וואו עס וועט נאך זיין גענוג פלאץ פאר אלעמען. די גרויסע סיבירישע באהנען עפענען נייע וועלטען פאר׳ן האנדעל. דאס שטייגען פון האנדעל וועט געוויס ניט בלייבען אהן א ווירקונג אויך אויפ׳ן יידישען לעבען, און בפרט אויב עס וועט נאך פערגרעסערט ווערען די רעכטע פון יודען צו וואהנען אין רוסלאנד. די רעגירונג הויבט אן איינצוזעהען אז די גרויסע ענגשאפט אין די שטעדט שאפט ארימקייט און א צו גרויסע קאנקורענץ, און זי בעשעפטיגט זיך דערום איצט מיט דער פראגע וועגען עפענען פאר יודען נייע גובערניעס. דאס בעזעצען זיך פון יודען אין אנדערע טהיילען פון רוסלאנד וואלט דאס לעבען אין די יודישע שטעדט און שטעדטליך פרייער געמאכט. פיעל מענשען וואס קענען דא קיין ארבייט ניט געפינען, ווייל זיי זענען דא איבריג, און וואס לייגען זיך אלס שווערע משא אויף די פלייצעס פון אנדערע, וואלטען דערמיט געווארען ניצליכע בירגער, זיי וואלטען געהויבען דעם האנדעל אין די ערטער, וואו ער איז נאך שוואך, אין די שטעדט וואלט די קאנקורענץ געווארען שוואכער און די מלחמה פאר היונה וואלט אנגעווארען איהר שארפקייט.

די דערוויטערונג פון דער „טשערטא" היינגט אבער אב ניט פון אונז, א גוטער סימן ליגט נור אין דעם אז מען האט שוין אויפגעשטעלט אין מיניסטעריום אזא פראגע.

די פראגע וועט מסתמא נאך ניט אזוי גיך ענטשידען ווערען, יעדענפאלס וועט זיך נאך ניט אזוי גיך אנהויבען די עמיגראציאן אין די ווייטערע רוסישע גובערניעס און ניט אזוי גיך קען דורך דעם ארויסגערופען ווערען א פערענדערונג אין אונזער לאגע. מיר מוזען דערפאר זעהן זיך צו נעהמען צו אנדערע מיטלען, וועלכע עס שטעהען אונז פריי און וועלכע עס וועלען אונז אלע מאל זיין נייטהיג.

דאס וויכטיגסטע וואס מיר קענען אליין טהון איז די פערברייטונג פון פאבריקאציאן צווישען יודען, מיר האבען שוין אין אונזער צייטונג איינינע מאל גערעדט וועגען דער גרויסע ראליע, וואס פאבריקאציאן הויבט אן צו שפיעלען אין רוסלאנד, וואו אונגעהויער גרויסע אוצרות ליגען נאך בעגראבען און ווארטען אויף די קאפיטאלען און ארבייטער. די שאפונג פון פאבריקאציאן צווישען יודען וואלט טויזענדער הענד, וואס זענען אויסגעשטרעקט נאך נדבות, געגעבען א גוטע און עהרליכע היונה, און זי וואלט געמאכט פון די פיעל ליידיגגעהערס און ווינדמענשען, וואס זענען דא ביי אונז, טיכטיגע ארבייטער.

# דאס נייפּראָיעקטירטע ציווילרעכט אין רוסלאנד.

## (דיני ממונות, גראזשדאנסקי זאקאני).

אין נומער 27 האָבען מיר גערעדט איבער דעם נייעם געזעץ, וואָס דער רוסישער פינאַנץ־מיניסטער פּראָיעקטירט וועגען "קויפען און פאַרקויפען אויף אויסצאהלען". אינטערעסאַנט איז פאַר אונז געוועזען דער פּראָיעקט דערמיט, וואָס ער בעטראַכט שוין נישט, ווי דאָס אַלטע געזעץ פלעגט טהון, ביידע צְדָדִים, וואָס פערבינדען זיך מיט אַקאָנטראַקט, פאַר גלייך שטאַרקע, גלייך פרייע און גלייך פּראַקטיש קלוגע, און וויל שוין קומען דעם שוואַכערן צַד צו הילף קעגען דעם שטאַרקערן.

אַצונד ווילען מיר טהיילען מיט אונזערע לעזער די נאַכריכט, אַז דאָס נייע געזעץ וועגען "קויפען און פערקויפען אויף אויסצאָהלע" וועט נישט זיין קיין אויסנאַהם אין דעם רוסישען געזעץ.

די רוסישע רעגירונג האָט געזעצט אַקאָמיסיע צו "קאָדיפיצירען דעם צעהנטען באַנד". דער צעהנטער באַנד פון רוסישען געזעץ־בוך ענטהאַלט אין זיך דאָס רוסישע ציוויל- אָדער פּריוואַט־רעכט (דיני ממונות) און "קאָדיפיצירען" הייסט — מאַכען פון צעוואָרפענע אָדער שלעכט צוזאַממענגעשטעלטע דינים אַקאָדעקס, אַמין "שלחן ערוך" לויט אַריכטיגען סדר.

זייט דער "צעהנטער באַנד" איז אַרויס, איז אָבער אַלאַנגע צייט פערפלאָסען; דאָס לעבען איז נישט געשטאַנען, דער האַנדעל מיט דער פאַבריקאַציאָן האָבען זיך שטאַרק ענטוויקעלט, און די קאָמיסיע האָט באַלד איינגעזעהן, אַז דער "שלחן ערוך" פאַסט שוין נישט פאַרן נייעם לעבען מיט די בעגריפען פון רעכט און אונרעכט (כּדין וְשלא כּדין). די קאָמיסיע האָט זיך איבערצייגט, אַז מען מוז אַסך ענדערן, אַרויסוואַרפען, צוגעבען, כדי דאָס רוסישע געזעץ זאָל נישט בלייבען אונטערשטעליג געגען זיין גלייכען אין איירָאפּא, ווי אויך געגען דעם לעבען אין רוסלאַנד אַליין. די קאָמיסיע האָט אויף זיך גענומען דען "חטא" פון "לא תגרע" און "לא תוסיף" און פאָרגעשטעלט אַפּראָיעקט פון אַכּמעט נייעם קאָדעקס, וואָס וואַרט אויף בעשטעטיגונג.

נישט מיר זענען די שפּעציאַליסטען און נישט דאָ איז דער אָרט צו בעהאַנדלען, ווי ווייט בעסער און ריכטיגער דאָס נייע געזעץ וועט זיין געגען דעם אַלטען, און וואָס פאַר אַשטעלע ער וועט בעקומען צווישען זיינע איירָאפּעאישע חברים. מיר ווילען נור רעדען דערפון, אַז דאָס נייע געזעץ האָט, ווי געזאָגט, אָבגעטרעטען פון דער אַלטער מיינונג, אַז ביידע צדדים, וואָס מאַכען אַקאָנטראַקט קענען זיך גלייך פערבינדען, ווייל ביידע האָבען אַגלייכען פרייען ווילען, ווייסען ביידע וואָס זיי טהון און דעריבער איז ריכטיג, וואָס דער עולם זאָגט: "האָסט דיך פערבונדען — לאָז דיך שינדען", בכלל אַז ווער עס האָט זיך אונטערגענומען מוז אויסהאַלטען!

דאָס נייע געזעץ ווייס, אַז צווישען צוויי צדדים קען זיין איינער אַקליגערער, אַשטאַרקערער און אַצווייטער קען זיין נישט פּראַקטיש, אָדער געפינען זיך אין אַזאַ אומגליקליכער לאַגע, אַז ער מוז אַלץ אויף זיך נעמען, אַבי זיך צו רעטען אין דער מינוט. און דאָס נייע געזעץ וויל נישט גלייכגילטיג צוזעהען, ווי דער שטאַרקערער בערויבט דעם שוואַכערען, דער קליגערער גענאַרט דען אונפּראַקטישען און ווי איין צד בענוצט זיך מיט דער אומגליקליכער לאַגע פון צווייטען. דאָס נייע געזעץ זאָגט דעריבער, אַז דער קאָנטראַקט הייסט נור דעמאָלט פרייוויליג אָנגענומען, אַז ביידע צדדים זענען נור דעמאָלט מחויב איהם צו האַלטען און מקיים צו זיין, אויב ער איז ווירקליך עהרליך און־פריי, און דאָס געריכט (בית דין) איז דעריבער בכּח מבטל צו זיין יעדע פערבינדונג (התחייבות) אויב עס וועט זיך אויסווייזען אַז איין צד האָט זיך בענוצט מיט דעם, וואָס דאָס צווייטע איז אונפּראַקטיש, נעפינט זיך אין איין אומגליקליכער לאַגע וְכדומה.

דאָס אַלטע ציוויל־רעכט ערלויבט די צדדים אויסצורעדען אַשטראָף (ניעאוסטאָיקאַ—קנס) פאַר נישט וואָרט האַלטען, פאַר נישט מקיים זיין עפּיס צום ריכטיגען טערמין. די "ניעאוסטאָיקא" האָבען איבערגעוואָרפען אַפרייע בריק פון ציוויל- צום קרימינאַל־רעכט, ווייל גאַנץ אָפט איז די שטראָף, וואָס אַצד נעמט אויף זיך איין אמת שווערע שטראָף, נישט קיין החזרה פון היזק, וואָס דער צווייטער צד האָט געקענט האָבען. אין דעם פאַך שטעהט נאַפּאָלעאָנס קאָדעקס, (וואָס איז איינגעפיהרט אין אַסך לענדער אין איירָאפּאַ, ווי אויך אין רוסיש־פּוילין) נישט העכער פון "צעהנטען באַנד". דער קאָדעקס ערלויבט די צדדים זיך אָבצורעדען, אַז דער "צד העובר" דאַרף בעפרידיגען דעם "צד המקיים" פאַר'ן שאָדען,

---

זעסען מיט איהם אַ בענקיל קעגען אַ בענקיל, אַרומגעגאַנגען מיט איהם איבער דער גאַס, און געטרונקען ביי איהם טיי. געגעסען וועטשערע, גערעדט, געשמועסט וועגען דאָס, וועגען יענץ, וועגען אונזער בערזע און וועגען אונזערע גבירים. וואָס הערט זיך עפּיס ביי אייך, זאָגט רויטשילד, אין יעהופּעץ אויף דער בערזע? ווער פאַרדיענט, ווער דערלייגט, און וויפיעל לערך שאַצט מען ביי אייך בראָצקין? מאַך איך צו איהם, אַז מיר שאַצען בראָצקין זעהר גרויס! פרעגט מיך רויטשילד: דהיינו, וואָס הייסט ביי אייך גרויס? זאָג איך צו רויטשילדען: פאַר 50 מיליאָן בין איך אייך ערוב, און אפשר נאָך מיט אַסמיטשעק. נאָר אַז איהר וועט מיך שטאַרק בעטען, איז אַלע הונדערט! אַז רויטשילד האָט דערהערט פון מיר די דאָזיגע ווערטער, האָט ער אָנגעהויבען צו לאַכען, לאַכט ער נאָך! אָט דאָס, זאָגט ער, הייסט ביי אייך גרויס, חא-חא-חא?!.. היינט פאַרשטעהט איהר שוין, מאַכט צו מיר טודרוס, ווי אַזוי איך בין מיט רוטשילדען?" — אויב אַזוי, רוף איך מיך אָן צו טודרוסען, איז דאָך עס טאַקי ווי געווינשען, ווי זאָגט מען: אַכשר'ער טאָפּ מיט אַ כשר'ען לעפעל! אפשר וואָלט איהר זיך מטריח געווען, זאָג איך, אוועקשרייבען צו רויטשילדען אַבריוועל, אָדער טאַקי קלאָפּען אַ דעפּעש צו איהם קיין פּאַריזש? — „קלאָפּען אַ דעפּעש, מאַכט ער, איז קיין קונץ ניט? איך בין טאַקי מיט איהם ווי אַנדערע צוויי, נאָר איינס צום אַנדערען געהר זיך נישט אָן, מע באַדאַרף האָבען איין אָפּיס מיט אַ פּלאַן, אַנדערש קען מען ניט". בקצור איך בין אַוועק צו מיינע שותפים און האָב איהם געבראַכט פון זיי איין אָפּיס מיט אַלע זיבצעהן זאַכען, מאַכט צו מיר טודרוס: „זעהט זשע, רב מנחם מענדיל, ווי דאָס איז אַפּאַפּיר פון גאָט, קיין אַנדערען וואָלט איך דאָס נישט געטהון פאַר קיין געלד, נאָר ווייל מיר זענען דאָך פאָרט עפּיס אַלטע בעקאַנטע, טהו איך אייך צוליעב און נעם דאָס געשעפט, נאָר טאָמער חלילה וחס לאָזט זיך אויס פון אייער אָפּיס אַ בוידעם, שוועהר איך אייך, ווי מיר שטעהען אונטער אַ הימעל און ווי דאָס איז אַ טיש מן השמים, אַז איך מאַך פון אייך אַ פּרעוושעניצע!" — גאָט באַוואָהר, זאָג איך, וואָס איז שייך, איהר האַלט מיך אַ פּנים פאַר אַ יונגעלע? איך פאַרשטעה דען ניט, זאָג איך, אַז מיט רויטשילדען שפּילט מען זיך ניט? ס'איז הייליג, זאָג איך, אַלסדינג, וואָס דאָ שטעהט געשריבען, ווי מיר האָבען היינט יום שלישי אויף דער גאַנצער וועלט!.... נו, ווי געפעלט דיר, מיין ווייב, ווי אַזוי מנחם מענדיל שטעלט צענויף מיט גאָטס הילף אַ געשעפט, און דוקא אַליין? השם יתברך זאָל נור העלפען עס זאָל אָנקומען די גוטע תשובה פון רויטשילדען, פערשטעהסט דו שוין, וואָס פאַר אַ פּנים עס וועלען דעמאָלט האָבען ביי מיר אַלע יעהופּעצער גרויסע מעקלערס מיט דעם גרויסען אַבראַמזאָהנען אינאיינעם! ס'איז נור שלעכט דערווייל, וואָס סע פעהלט דאָס מזומנע דרייעריל, ווי זאָגט מען: ווי העלפט מיר גאָט ביז גאָט וועט העלפען? נאָר אַז מע וויל שמועסען טאַקי נאָך אַ מאָל דאָס אייגענע ווידער צוריק, איז אויך די אייגענע מעשה, מיט וואָס בין איך מעהר מיוחס פון אַלעמען? דו זאָלסט זעהען, וואָס עס טהוט זיך איצט אין יעהופּעץ, ווי אַזוי די וועלט איז געאיינגט אין געלד, ממש מע געהט אויס, מע שטאַרבט נאָך אַ קערבעל! פון קיין גמילות חסד רעדט מען שוין ניט; ביי אונז אין יעהופּעץ האַלט מען פון אַלע מצוות, וואָס קאָסטען קיין געלד ניט: פון „הכנסת כלה", פון „בקור חולים" און אפילו פון „הלוית המת", נאָר נישט פון „גמילות חסדים"; ס'איז ביי זיי פּאַראַן אַזאַ מין „פּרינציפּ", דאָס הייסט גוטע ווערטער וויפיעל דו ווילסט, נאָר געלד — לא מיט אַ שלשלת! איך שמועס עס אַקעגען דרינען, — ס'איז אמוראַדיגער מאַנגעל אין געלד, סכנות נפשות! ס'איז גאָר אַ סברה, אַז גרויסע סוחרים, זאַוואַדשיקעס, באַנקירען געהען אַרום מחילה און פייפען; מע קוקט אַרויס אַלע טאָג אויף גרויסע אָנזעצען, מע האָט מורא אַרויסלאָזען אַ קערבעל פון די הענד! איז דאָך אַ קל וחומר: מה דאָך די גרויסע ווערען אַזוי פאַרשווארצט, היינט וואָס זאָלען מיר שוין זאָגען, קליינע מענשעליך, אַז אויף דער אכסניה מאַנט מען און דאָס זייגעריל ליגט שוין לאַנג אין לאָמבאַרד? נאָר זאָרג נישט, מיין ווייב, ס'איז אַלץ ביז אַ צייט; פאַר אונזער עגמת נפש וועלען מיר אם ירצה השם האָבען גרויס נחת, לאָז נאָר אָנקומען די גיטע בשורה פון פּאַריזש, ווער איך דעמאָלט אַ שטיקעל בטוח אין יעהופּעץ, און איך חאַפּ מיך אַראָב צו ווייסמאַנען אויף פּאָראַל אין קלייט אַריין און עפען מיר ביי איהם אַ קרעדיט אויף עטליכע הונדערט קאַרבען (פאַר וואָס ניט? ער אויפ'ן יריד מעג האָבען קרעדיט, און איך ביי איהם נישט? אי וואָס? טאָמער חלילה וחס איך צאָהל איהם נישט אָב? למאי ער? למאי אַלע? די גאַנצע וועלט פיהרט זיך דאָך אַזוי, און דאָס טאַקי ווערט אָנגערופען „קרעדיט", און אויף קרעדיט שטעהט די וועלט..) און קוים

קומט נור די ערשטע שטופּע ענטוויקלונג, לאָמיר זאָגען ער האָט ענטדעקט דאָס פייער, פון דער מינוט אָן, ווערט ער שוין וואָס ווייטער אַלס פרייער און פרייער, ער קען צוריכטען צום עסען אַזעלכע זאַכען וועלכע ער האָט פריהער, רויהערהייט, ניט געקענט עסען; ער קען שוין לעבען אין קעלטערע ערטער; דאָס בעדערפניש נייטהיגט איהם אויף ווינטער צו בויען וואָהנונגען, אָנגרייטען עסען פון זומער אויף ווינטער, ער לערענט זיך אויס אַריבערשטייגען בערג, אַריבערשיפען זיך דאָס וואַסער, קורץ — וואָס מעהר ער ענטוויקעלט זיך, ווערט ער אַלס זעלבסטשטענדיגער, ווערט ער אַלס אונאַבהענגיגער, ווערט ער אַלס פרייער, מעהר מענש... און נאָך מעהר, ער בעהערשט די נאַטור, ער מאַכט זי פאַר זיך פאַר אַ קנעכט, ער זיגט פון איהר אויס איהרע כּחות, און געוועלטיגט איבער איהר — אין פיעל הינזיכטען — ניט זי איבער איהם...

זעלבסטשטענדיגקייט, פרייהייט, אונאַבהענגיגקייט — אָט דאָס איז דער תַּכְלִית פון בילדונג, און ענטוויקלונג.

פערשטעהען דאָס אונזערע טאַטעס מיט די קינדער? געוויס ניט. אַדְרַבָּה, אַ פּראָסטע יודענע איז פיעל מעהר זעלבסטשטענדיגער, אונאַבהענגיגער פון מאַן מיט זיינע פערדינסטען, מיט זיינע קאַפּריזען; זי ברענגט פיעל מעהר נוצען אי זיך אי דער שטוב, וואו אונזערע כְּלוֹמֶר'שט מאַדאַמען, וועלכע טהון קיין האַנד אין קאַלט וואַסער ניט; די אונענטוויקעלטע מיידליך, די שניידערקעס און נייטערקעס א. ד. ג. זענען פיעל מעהר אונאַבהענגיג, פיעל מעהר זעלבסטשטענדיג איידער די כְּלוֹמֶר'שט געבילדעטע „מאַדאַמזעלען" וועלכע וואַרטען נור מע זאָל זיי געבען... וואַרטען צו פערקויפען דעם טאַטען און קויפען אַ חָתָן, וויל אַליין לעבען קענען זיי ניט... אַליין עקזיסטירען זענען זיי ניט אים שטאַנד, זיי קענען רעדען אָבער ניט טהון... און אין לעבען, ווי אויף צו לְהַכְעִיס, איז דאָס טהון דער עִיקָר און ניט דאָס רעדען...

און דער עִיקָר פעהלט. דעריבער זעהען מיר אין אונזער לעבען אַזוי פיעל מְאוּס'ע סצענעס, בְּשַׁעַת עס קומט צו אַ שִׁדּוּךְ, לְמָשָׁל, מיט אָט אַזאַ געבילדעטער טאָכטער. איהר בילדונג מאַכט ניט לייכטער דעם עוֹל פון טאַטען, נאָר מאַכט איהם פיעלמאָל שווערער. דער „חָתָן" וויסענדיג אַז ער נעמט אַ מענשען וואָס קען נור מאַכען „הוֹצָאוֹת", קען ניט נעמען אַ מיידיל אָהן געלד. זי קען ניט טהון פון דאַנען אַהין, מוז חֲתוּנָה האָבען פאַר אַזעלכען וואָס זאָל איהר קענען אַלסדינג צושטעלען. דערפון קומען אַרויס אַלטע מיידליך מיט גרויע צעפּ וואָס זיצען ביי דעם טאַטען אויף דעם קאַרק; דערפון קומט אַרויס אַז מיידליך הענגען זיך אָן אַבי וועמען אויף דעם האַלז; דערפון קומען אַרויס די „טאָרגעס" ביי שִׁדּוּכִים, ווי אויף דעם מאַרק; יונגע לייט זוכען וואָס מעהר געלד, מיידליך זוכען וואָס גרעסערע פערדינערס. די מענשען אַליין זענען נור אַנעבענזאַך, וואָרום בְּשעת דער שִׁדּוּךְ איז אַ „גוטער" איז די כַּלָּה שען און דער חָתָן גוט ביז דער חֲתוּנָה, נאָך דעם אָבער, זעהט מען זיך אָרום, דאָס רוֹב, אַז די מענשען פאַסען עפּיס ניט אַזוי גוט איינער פאַר דעם אַנדערען; נאָכדעם הויבען זיך אָן אינערע קריג, געשריי, שטילע שִׂנְאָה, און אויסערליכע, כְּלוֹמֶר'שט, צופרידענהייט, לייטען די אויגען צו פערבלענדען; קיינער האָט ניט קיין גאַנצעס לעבען אין שטוב, אין שטוב איז אונמוטהיג, מאַן און ווייב האָבען ניט קיין אַלגעמיינע אינטערעסען, ער זוכט אין איין ווינקעל די צייט, די ליידיגע שטונדען, צו פערברענגען, זי אין אַנדערען ווינקעל, ביסליכווייז ווערט מען צוגעוואוהנט עטוואָס שטילער איינער דעם אַנדערענס לאַסט צו ערטראָגען, ביסליכווייז ענטוויקעלט זיך די געוואָהנהייט צו ניט פיינע „מַעֲשִׂים־טוֹבִים" אין ביידע זייטען; זי מוז ליידען און שווייגען, וואָרום אַז ניט ווי קען זי זיך העלפען, אַז זי טויג ניט אַ קאַץ אַ עק צו פערבינדען; ער ווייסט אַז איהר לעבען איז ניט אַזוי בענײדענסווערטה און מאַכט זיך ניט וויסענדיג, ער איז דער בַּעַל־הַבַּיִת, איהר צַעַר איז איהם ניט אַזוי שטאַרק מְצַעֵר... אָט אַזוי זעהען מיר צווישען אונז קאַלטע, אומ'רחמנות'דיגע ווייבער; אַ לעבען צווישען אַ פאַר פאָלק ווי צווישען — און נאָך ערגער — צוויי פרעמדע.

דאָס איז נאָך אַלס גוט אַז דער מאַן איז טאַקי אַ פערדינער, ווי אָבער אַז די פערדינסטען זענען שוואַך, דאַן איז אין שטוב צָרוֹת אויף צָרוֹת, ביטערס אויף זויערס, שווערע אַרבייט און „פּוסטעפּאַסניקעריי" א. ז. וו. א. ז. וו.

ווי אַנדערש וואָלט די גאַנצע וועלט, וועגען וועלכע מיר רעדען, אויסגעזעהן, ווען אַז אונזערע גימנאַזיסטקעס וואָלטען ניט געוואַקסען ווי די „פּאַפּקעס" פאַר'ן פּוץ און פאַר'ן גאַס; ווען זיי וואָלטען זיך בענוצט מיט איהר ביסעל בילדונג און ענטוויקלונג צו איהר זעלבסטשטענדיגקייט, זעלבסט־הילפע און פרייהייט, מיידילווייז ניט זיין אָבהענגיג פון טאַטען און נאָך דער חֲתוּנָה פון מאַן; ווען שִׁדּוּכִים וואָלטען, דאַנק דעם, אַנדערש געשלאָסען געוואָרען ווי איצט, און דאָס פאַמיליענלעבען וואָלט געווען דער עִיקָר — דאָס לאָז איך איבער דעם לעזער, ער זאָל זיך עס אַליין פאָרשטעלען.

נאָר דעריין צווייפעל איך ניט, אַז ווען אפילו אונזערע „בַּעֲלֵי־בָּתִּים" וועלען זיך דאָס פאָרשטעלען און פערשטעהען, וועלען זיי דאָך ניט זעהן זייערע טעכטער זעלבסשטענדיג צו מאַכען; עס פּאַסט ניט, דאָס ווייסען זיי, אַז אַ מיידיל זאָל זיין אַ פערדינערקע, ווען דער טאַטע, בָּרוּךְ־הַשֵּׁם, האָט נאָך אַ שטיקיל פָּנִים פון אַ מענשען... זי קוקען אויף די גְבִירִים, אויף „גְבִיר'שע טעכטער".

ש. גיטעלסאָן.

## פאָליטישע איבערזיכט.

די ענגלענדער זענען אריבער איבער'ן טייך טוגעלא, ווי האבען איינגענומען ביי די בויערן עטליכע בעפעסטיגטע ערטער. די האפנונג אויף נצחון איז געווארען שטארקער. אין לעדיסמיט האט זיך שוין געהערט דאס שיסען פון די ענגלישע הארמאטען און מען איז שוין געווען זיכער אויף די באלדיגע אויסלייזונג. דער שטארקסטער בעפעסטיגטער בארג געבען טוגעלא איז שוין אויך געווען גענומען פון די ענגלענדער; ניט אויף לאַנג אבער איז געווען די פרייד אין ענגלאַנד. די בויערן האבען אַנגעשטרענגט זייערע כחות און אראבגעטריבען די ענגלענדער צוריק פון דעם איינגענומענעס באַרג. אבגעבענדיג דעם פיינד צוריק די איינגענומענע לאַגערן, פאר וועלכע מען האט אַזוי פיעל בלוט פערגאסען, און איבערלאזענדיג פיעל נייע קרבנות האבען די ענגלענדער געמוזט אין גאַנצען אָבטרעטען און אַריבערגעהען צוריק אויף יענער זייט טייך, וואו זיי זענען געשטאַנען פריהער. דערמיט איז די ארבייט פון בולערן אין די לעצטע 2 וואכען אין גאַנצען פערלאָרען, די האפנונג אויף בעפרייען לעדיסמיט איז אין גאנצען געפאַלען, בולערס חיל איז אבגעשוועכט און ניט פעהיג זיך אונטערצונעהמען אין גיכען ווייטער ארויסצוטרעטען געגען די בויערן. דאס פערטרויען אויף דעם גענעראַל איז ביי די ענגלישע סאלדאטען געפאלען, אין חיל הערשט אַ אונצופרידענהייט און נידערגעשלאַגענקייט.

דער נצחון פון די בויערן איז געקומען גאר אונערוואַרטעט און עס האט נאָך אמאָל געוויזען דער וועלט, וואָס קען אויפטהון אקליינעס פאָלק, וועלכעס ליעבט זיין לאַנד און זיין זעלבסשטענדיגקייט.

אין ענגלאַנד האט די נייע בולערס מפלה געמאַכט אַ אונגעהויערען איינדרוק, אבער עס האָט נאָך אַלץ ניט געבראָכען דעם שטאָלץ און די עקשנות פון פאָלק.

די קעניגען זאגט אין איהר טהראָן־רעדע ביים ערעפנונג פון פארלאמענט: „מיר מוזען ווייטער פיהרען די מלחמה ביז וואנעט מיר וועלען ניט זיגען". און מִיט די איהרע ווערטער איז מסכים דאָס גאַנצע פאָלק, אַפילו די דעפוטאטען וואָס זענען פריהער געווען געגען דער מלחמה, וואָס זענען נאָך ביז איצט דער דעה אז ענגלאַנד איז אומגערעכט, אַפילו די דעפוטאַטען, וואָס קריטיקערען די רעגירונג וואס זי פיהרט די מלחמה מיט אַזא אונפעהיגקייט, זיי זאגען אַלע אַז מען דאַרף זיך פון דער מלחמה ניט אָבזאָגען, ביז ענגלאַנד וועט פאָרט ניט מנצח זיין. די ליבעראַלע פארטיי שלאַגט פאר אויסצודריקען די אונצופריעדענהייט דעם איצטיגען מיניסטעריום, עס איז אבער נאָך אַ גרויסער ספק, אויב דער פאָרשלאַג פון די ליבעראַלען וועט אָנגענומען ווערען.

ענגלאַנד האָפט נאָך אַלץ אויף בעסערע צייטען אין דער מלחמה. אֱמֶת, זי רעכענט זיך דערמיט, וואָס לעדיסמיט, וועלכע איז שון 3

הדשים בעלאגערט, וועט זיך מוזען אונטערגעבען, אבער זי. האפט, אז די גענעראלען ראבערטס און קיטשענער וועט דאך גראטען סוף כל סוף צו ברייננען ענגלאנד א טרייסט נאך די אלע מפלות. ווען ראבערטס פערלירט זיין ערשטע שלאכט, דאן בלייבט ענגלאנד גאר נישט איבריג ווי זיך אבצוזאגען פון מלחמה און אנערקענען די זעלבסטשטענדיגקייט פון דער טראנסוואלער רעפובליק.

פאלקספערזאמלונגען אין אמעריקא און אין דער שווייץ ווענדען זיך צו דעם פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאטען, מאק קינליי, ער זאל פארשלאגען די ענגלענדער צו מאכען שלום, און ווי עס ווייזט אויס. ווארט דער פרעזידענט נור אויף די פאסענדע געלעגענהייט אנצוהויבען צו רעדען וועגען שלום.

אין פראנקרייך זענען געווען נייע וואהלען צום סענאט, יעדע 3 יאהר מוז א דריטעל מיטגליעדער ארויסטרעטען און אויף זייער ארט ווערען אויסגעקליבען נייע סענאטס־מיטגליעדער. דער פראנצויזישער סענאט האט די אויפגאבע צוזאמען מיט'ן פארלאמענט ארויסצוגעבען געזעצען, יעדעס געזעץ מוז אנגענומען ווערען אי פון פארלאמענט אי פון סענאט. דער סענאט בעשטעהט פון עלטערע מענשען, יעדעס מיטגליעד טאר ניט זיין יונגער פון 40 יאהר און איז איינגעריכטעט צו דעם צוועק, כדי אבצוהאלטען דעם פארלאמענט פון צו גיכע אונפארזיכטיגע געזעצען.

די איצטיגע וואהלען האבען ווייניג פערענדערט די שטארקייט פון די פארטייען אין סענאט. עס זענען אריין 3 מאנארכיסטען — אנטיסעמיטען, פון וועלכע ביז איצט זענען גאר ניט געווען קיין פארשטעהער אין סענאט. צווישען זיי געפינט זיך אויך דער בעוואוסטער גענעראל מערסיע. זיין נאמען איז בעקאנט אלעמען, די וואס האבען זיך אינטערעסירט מיט דרייפוסעס משפט. מערסיע אלס קריעגס־מיניסטער האט איינגעלעגט זיין גאנצען איינפלוס אויף די ריכטער, מען זאל בעשולדיגען דרייפוסען, ער האט די ריכטער פארגעלייגט היימליכע און פאלשע דאקומענטען, וועלכע מען האט דרייפוסעס אדוואקאט ניט געוויזען און ער האט בעהאלטען דאקומענטען, וועלכע זענען געווען פאר דרייפוסען.

איצט טרעט ארויס מערסיע דער געוועזענער מיניסטער פון א רעפובליקאנישער רעגירונג אלס פארשטעהער פון א פארטיי, וועלכע שטעהען אין פערבינדונג מיט דעם הערצאג פון ארלעאן, וואס זוכט די געלעגענהייט אומצוווארפען די פראנצויזישע רעפובליק. דער הערצאג פון ארלעאן האט געגעבען זיין הסכמה אויף מערסיע'ס וואהל, אויך די אנטיסעמיטישע גייסטליכע, וואס זענען געגען דער רעפובליק און דעם אמת, האבען מיטגעהאלפען צו געבען מערסיען דעם הויפט־געגנער פון דרייפוסען א ארט אין סענאט. דאס וואס מען האט געקאנט אויסקלייבען מערסיען אין סענאט בעווייזט אז נאך ניט אלץ איז אין פראנקרייך פערגעסען געווארען, אז די רוהע און ארדענונג זענען נאך ניט אזוי טיעף איינגעווארצעלט אין פאלק.

י. ל.

## בריעף צו מיין עלטער באבע. (ד)

באבוניו טייערע!

איך וויל מיט דיר שמועסען אביסעל איבער די יודישע אנטיסעמיטען אין פראנקרייך.

יודישע אנטיסעמיטען? ווי קען עס געהערט זיין: יודישע שונאי ישראל? אז מע איז א יוד קען מען דאך ניט פיינד האבען די יודען? אז מע איז א בן־ישראל קען מען דאך ניט זיין א שונא־ישראל? א יוד א שונא־ישראל! דאס זענען דאך צוויי זאכען וועלכע זענען סותר איינע די אנדערע. צי קען דען מעגליך זיין אויף דער וועלט אז א קינד זאל אויפשטעהן געגען זיינע עלטערען? אז מע איז א יוד איז מען דאך א בן לעם־ישראל, און אז מע איז א בן לעם־ישראל איז דאך אונמעגליך פיהלען שנאה צו דעם עם־ישראל?

דאס אלעס איז זעהר ריכטיג, אבער דאס מאכט ניט אויס אז מיר האבען אין פראנקרייך איינענע ברידער, וועלכע האבען בוגד געווען אין זייער פאלק און האבען זיך פערקויפט צו דעם פראנצויזישען פאלק, און אויך ניט גראדע צו די בעסטע פון דעם פראנצויזישען פאלק, נאר צו די ערגסטע.

איך מוז דיר אנרופען די צוויי פיינע לייטליך וועלכע האבען אין די צוויי לעצטע יאהרען געבראכט אויף די פראנצויזישע יודען פיעל מעהר שלעק ווי די גוישע אנטיסעמיטען האבען זיי געקענט אנטהון.

איינער פון די צוויי כל־בו'ניקעס הייסט ארטור מאיר; דעם אנדערען רופט מען גאסטון פאלאנע. ארטור מאיר איז שוין א בעטאגטער מאן, אבער גאסטון פאלאנע איז נאך ניט אזא אלטער יודישער גוי. דער ערשטער גיט ארויס א פראנצויזישע צייטונג "גאלוא", און דער אנדערער רעדיגירט אויך א פראנצויזישע צייטונג מיט דעם נאמען "סואר". "גאלוא" אין פראנצויזישען הייסט א גאלער, דאס הייסט איין עלטער־עלטער־עלטער־אייניקיל פון די ערשטע פראנצויזען וועלכע מע האט גערופען גאלער, נאך זייער לאנד גאליע. זעהסט דו, באבוניו טייערע, דעם יודליקיל וועלכער וויל זיך רעכנען פאר א עלטער־עלטער־עלטער־אייניקיל פון די פראנצויזישע אבות, זיינע עלטערען זענען ניט, ווי אונזערע, אברהם יצחק ויעקב, נאר די גאלער, וואס די רוימער האבען מנצח געווען אין אמאליגע יאהרען. די צייטונג פון אונזער אנדערען ווייסע־חברה'ניק, פון דעם גאסטון פאלאנע הייסט, ווי איך האב דיר עס שוין געזאגט, "סואר", דאס הייסט: "דער אבענד", ווייל זי ערשיינט יעדען אבענד, בשעה 9. ארטור מאיר איז א האלב יודישער נאמען, און גאסטון פאלאנע איז א האלב פוילישער נאמען. פאלאנע אין פראנצויזישען הייסט פשוט: דער פוילישער. ארטור מאיר'ס טאטע איז געווען א גאנ'ץ פשוט'ר יודליק און האט א מאל ארומגעטראגען אין פאריזער גאסען צו פערקויפען פושקעליך שוהוואקס, שלייקעס, זאקענבענדליך, קנעפליך און נאך אנדערע אזעלכע מיני־סחורות. ער האט זיך ארומוויז פערדינט זיין פרנסה, אבער ער איז געווען, ווי מע זאגט, א ניש־קשה'דיגער יוד, קיינעם קיין שלעכטעס ניט געטהון און האט ערצויגען זיינע קינדער ווי ער האט געקענט. אבער דער יונגאטש ארטור מאיר איז פון יוגענד אן געוואקסען עפיס א שטיקיל אויסוואורף. מע דערצעהלט פון זיין יוגענד פיעל מעשיות, מע דערצעהלט, למשל... נו, ניין! איך קען ניט, באבוניו טייערע, דיר איבערגעבען דאס וואס מע דערצעהלט. איך וויל דיר נור זאגען אז דער פאטער זיינער האט איהם פארשאלטען דאס געביין נאך יונגערהייט. די פראנצויזישע צייטונגען געבען איבער אז איין מאל האט ארטור'ס פאטער זיך גענומען ביי דעם קאפ און האט א געשריי געגעבען צו זיין טייערען קינד: טייערער קדיש מיינער! א מיתה־משונה זאל אויף דיר קומען; אבער מעהר אין די אויגען זאל איך דיך ניט זעהן. און פון דאמאלס אן האט אונזער ארטור אוועקגעווארפען זיין טאטען און האט זיך בעזעצט ביי איין "האלב־וועלטיגער" פרוי און איז ביי איהר געווארען א שרייבער...

גאסטון פאלאנע האט זעהר פיינע עלטערען וועלכע קענען זיין צורה ניט אנקוקען. זיין מוטער איז געשטארבען פאר ווייטאג זעהענדיג וואס איז געווארען פון איהר קינד, זיינע קרובים לאזען איהם ניט אריין אויף זייער שוועל.

ארטור מאיר'ס צייטונג, דער "גאלוא" געהערט צו דעם פאבסט אין רום און צו דעם ארלעאנער הערצאג, וועלכער וויל ווערען א מלך איבער פראנקרייך. אז איך זאג, ער געהערט צו די צוויי אדונים, בין איך ניט שטארק אפשר מדקדק. אין אמת'ן וויל ער צו זיי געהערען, אבער זיי נוצען זיך טאקי מיט איהם, נאר אפנוצענדיג זיך מיט איהם זאגען זיי איהם: "ארויס פערשמוצטער יוד!" נאר דאס וועלען מיר נאך זעהן ווייטער.

שוין צוויי יאהר אז די צוויי חברה־לייט, ארטור מאיר און גאסטון פאלאנע, האבען א שפיי געגעבען אויף יודען. דו ווייסט דאך, באבוניו טייערע, די מעשה פון דרייפוס'ן, דעם בלבול וואס מע האט אויף איהם אויסגעטראכט, ווי אזוי מע האט זיך דערוואוסט אז ס'איז א בלבול, ווי אזוי מע האט געפונען דעם אמת'ן שולדיגען, ווי אזוי די פראנצויזען האבען ניט געוואלט מודה זיין אויף דעם אמת, ווי אזוי מע האט דווקא געוואלט אז דער יוד זאל זיין א שולדיגער, ווי אזוי מע האט מלחמה געהאלטען מיט די געגנער פון דעם אומגליקליכען דרייפוס און מיט די

אויף דעם מאָל וויל איך רעדען וועגען יודישע צדָקות:

יודען גיבען צדָקה, יודען זאָגען זיך ניט אָב פֿון אַ נְדָבָה געבען. יעדעס יאָהר ווערט געגוּנג יודיש געלד צוטהיילט אויף פֿערשיעדענע צדָקות, אויסער די געלדער וואָס מען זאָגט אָב אויף עוֹלָמוֹת — אויף שטאָדט זאַכען. נאָך דעם אַלעמען, וואָס זעהען מיר? אָרימע קי דער וואַל־גערען זיך אין די גאַסען. די תַּלְמוּד תּוֹרוֹת טראָגען נור אויף זיך דעם נאָמען, אָבער וואו צו לערנען איז ניט דאָ: אָרימע לייט האָבען ניט וואו אַ נאַכט איבערצונעכטיגען, ניטאָ וואו דער אָרימאָן זאָל פֿאַר אַ פּאָר קאָפּיקעס קענען אַ לעפֿעל געקעכטס עסען, אין בִּקוּר חוֹלִים האָט אַ יודישער קראַנקער מוֹרא אַריינצוגעהן, אַזאַ שענע אָרדענונג איז דאָרט. ניטאָ קיין בֵּית יְתוֹמִים. בֵּית זְקֵנִים, אפילו די יודישע באָד וואָס איז נייטהיג פֿאַר יעדער שטאָדט, שטעהט אויף איינצופֿאַלען.

וואו זשע קומען אַהין די יודישע צדָקוֹת? ווער איז אין דעם אַלעמען שולדיג?

ניט געלד, ניט רַחֲמָנוּת, און אויך מענשען ב"ה פֿעהלען ביי יודען ניט.

אין דער יודישער צדָקה איז אַ גרויסע אונאָרדענונג. דאָס נעמט זיך דערפֿון, וואָס דער יוד אינטערעסירט זיך ניט מיט דער צדָקה, וועלכע ער איז געוואָהנט צו געבען, ער וויל ניט וויסען אויף וואָס ער גיט, וואָס פֿאַר אַ נוצען עס ברייננט זיין געבען, אָבער געבען גיט ער אַלעמען: אָרימע לייט, פֿערשיעדענע גַבָּאִים און גבאַי'תעס און יעדען, ווער עס שטרעקט נור אויס די האַנד, ווער עס עפֿענט נור אויף זיין טהיר.

ווי דער יוד גיט נור אַוועק זיין קאָפּיקע, זיין רובל אויף צדָקה בערוהיגט זיך זיין האַרץ. די מִצְוָה פֿון צדָקה האָט ער אָבגעטהון. און ווייטער קער זיך כְּלָל ניט אָן מיט איהם.—

מיר געהערען ניט צו די היינטיגע יודישע צדקה־געבער, וואָס פּטרן אָב דעם אָרימאָן, ווען ער בעט ביי זיי אַ גראָשען מיט דעם ענט־פֿער: „געה אַרבייטען"!

דער יודישער מִנְהָג „אַז מען דאַרף געבען יעדען, דער וואָס שטרעקט אויס די האַנד", „ווער עס עפֿענט די טהיר דאַרף ליידיג ניט אַוועקגעהן", דאַרף אונז ווייטער אויך זיין ליעב און טייער, אַזוי האָבען אונזערע טאַטעס און זיידעס געגעבען צדָקה און אַזוי דאַרפֿען מיר אויך געבען. מיר פֿערלאַנגען נור אַז יודען זאָלען זיך מעהר אינטערעסירען און וועלען וויסען ווי אַזוי און אויף וואָס עס געהען אַוועק זייערע צדָקוֹת, דאַן וואָלטען אַלע יודישע איינפֿיהרונגען לְטוֹבַת הַכְּלָל גאָר אַנדערש אויסגעזעהן, און יעדעס יודיש האַרץ וואָלט רוהיגער געוועזען, זעהענדיג ווי זיין נְדָבָה ברייננט פֿיעל נוצען זיינע אָרימע אומגליקליכערע ברידער.

פֿון ניט אינטערעסירען זיך, פֿון ניט וועלען וויסען נעמט זיך די גרויסע אונאָרדענונג אין די יודישע צדָקוֹת און דעריבער ברייננען אונזערע בִּקוּר חוֹלִים'ס, תַּלְמוּד תּוֹרוֹת און אַנדערע פֿיעל אַנשטאַלטען לְטוֹבַת הַכְּלָל ווינציג נוצען.—

די רוסישע רעגירונג האָט די אונאָרדענונג אין יודישע צדָקוֹת אַיינגעזעהן און האָט בְּדֵעָה בעסערע איינפֿיהרונגען צו מאַכען. דער „חאָזיאַסטווענע דעפּאַרטאַמענט" פֿון מיניסטער דעם אינערען האָט אויס־געאַרבעט איין אַלגעמיינעס אוסטאַוו פֿאַר „צדָקה חֲבֵרוֹת", יודען וואָס זאָרגען פֿאַר דעם כְּלַל האָבען זיך בענוצט דערמיט, און איינגע שטעדט האָבען שוין בעקומען ערלויבעניס איינצופֿיהרען ביי זיך „חֲבֵרוֹת אויף צו העלפֿען יודישע אָרימע לייט".

אָבער נור איינגע געצעהלטע. עס פֿרעגט זיך אָבער, פֿאַר וואָס סטאַרען זיך ניט אַלע אַנדערע צו בעקומען די ערלויבניס איינצופֿיהרען ביי זיך אַזאַ ניצליכע חֶבְרָה? צווישען אונז גערעדט געפֿינען זיך איצט פֿיעל וואָס וואָלטען זיך וועגען דעם געוואָלט סטאַרען, נאָר אַ צווייטער צַד, די פֿרומע קלאַסע, די חֲסִידִים דערלאָזען ניט. זיי טַענען: „וואָס וועלען טהון אונזערע פֿיעל גַבָּאִים פֿון גְמִילַת חֲסָדִים, פֿון הַכְנָסוֹת אוֹרְחִים, פֿון הֶקְדֵשׁ, פֿון תַּלְמוּד תּוֹרָה, די חֶבְרָה קַדִּישָׁא און נאָך אַנ־דערע? וואָס וועלען טהון די פֿרומע ווייבער די גבאַי'תעס, ווער וועט זיך פֿאַרנעמען מיט דער מִצְוָה פֿון צדָקָה? איהר ווילט מאַכען „געזעלשאַפֿטען" מיט „זיצונגען" און מיט „טשלענעס". מיר ווילען דערפֿון ניט וויסען,

יעדער יוד דאַרף זיך אָבגעבען מיט דער מִצְוָה פֿון צדָקה געבען און ווייטער דאַרפֿען מיר גאָר ניט וויסען".

און יודען געבען ווייטער צדָקה און ווייסען ווייטער ניט וואָס עס ווערט פֿון זייער צדָקה.

נאָר מערקווירדיג גוט און ריכטיג האָבען פֿערשטאַנען די בעססאַ־ראַבער יודען וואָס האָבען אויך בעקומען איין ערלויבניס פֿון מיניסטער דעם אינערען צו גרינדען „אַ חֶבְרָה העלפֿען יודישע אָרימע לייט אין האָטין.

די געעהרטע גרינדער פֿון דער חֶבְרָה האָבען געזאָגט צו די חֲסִידִים: „קיינער שטערט אייך ניט, ליעבע גַבָּאִים און גבאַי'תעס, זיך ווייטער פֿאַר־נעמען מיט דער מִצְוָה פֿון צדָקה, איהר קענט זיך דערמיט ווייטער אויך אָבגעבען, נאָר דאָס געלד וואָס איהר וועט מאַכען זאָלט איהר אין אונזער חֶבְרָה אַריינגעבען. מיר וועלען אַלעס פֿערשרייבען, מיר וועלען העלפֿען די אומגליקליכע וועלכע איהר וועט אָנווייזען און דערנאָך וועלען מיר אייך און יעדען ווער עס וועט נור וועלען וויסען, אָבגעבען חֶשְׁבּוֹן וואָס מיר האָבען געטהון מיט יעדע קאָפּיקע, פּרובֿט אונז איין יאָהר פֿאָל־גען וועט איהר זעהן וואָס מיר וועלען טהון".

אַלע שטאָדט הכנסות וואָס פֿלעגען געהן ביז יעצט פֿאַר יודישע אָרימע לייט ווי די „סקאַטאַבאָינע", די באָד, עוֹלָמוֹת געלדער, הייזער, קליטען און דאָס געלד וואָס די „אופּראַווע" גיט יעדעס יאָהר אַרויס פֿון דער טאַקסע זענען איבערגעגאַנגען צו דער חברה, אויך די חברה קדישא און די צדקות מיט וועלכע עס געבען זיך אָב פֿערשיעדענע גבאים און גבאַי'תעס זענען אויך צו זיי איבערגעגאַנגען.

די נייע חברה האָט זיך אָנגעהויבען אומקוקען וואָס טהוט זיך אין שטאָדט און האָט געפֿונען אַז קיין תַּלְמוּד תּוֹרָה איז ניט דאָ. אין דעם הֶקְדֵשׁ, וואָס בעשטעהט פֿון צוויי צימער, געפֿינען זיך עטליכע זְקֵנִים צוזאַמען מיט פֿערשיעדענע קאַליקעס, די אומרייניקייט פֿון דעם הקדש איז ניט איבער צוגעבען, עס האַפּט אָן אַ שרעק צו זעהן ווי מען לאָזט מענשען זיך מוטשען אין אַזוינע שמוציגע לעכער. דאָס בֵּית הַקְבָרוֹת איז אָהן אַ פּאַרקען. די באָד האַלט ביי איינפֿאַלען. די שטאָדט הייזער און קליטען דאַרפֿען רעמאָנט. מיט איין וואָרט איין אונאָרדענונג אומעטום, האָטש יודען האָבען אין האָטין שטענדיג געגעבען צדקה. די נייע חברה האָט אַלעס געפֿונען אין שטאָדט ווי נאָך אַ חורבן, ווי נאָך אַ מלחמה און האָט אָנגעהויבען מיט ענערגיע ברייננען צו ביסליך אין אָרדענונג.

פֿון דעם חשבון זעהען מיר וואָס די נייע חברה האָט געטהון אין ערשטען יאָהר:

אויף אויסצוהאַלטען אָרימע יְתוֹמִים און קינדער לערנען 820 רובל 32 קאָפּ., קליידונג פֿאַר די קינדער 261 ר. 14 קאָפּ. הייצונג אין ווינטער צייט פֿאַר אָרימע פֿאַמיליעס 437 ר. 6 ק., הילף די אָרימע אויף די יָמִים־טוֹבִים פֶּסַח, שְׁבוּעוֹת, רֹאשׁ הַשָּׁנָה און סוּכּוֹת 958 ר. 66 קאָפּ., כּשר עסען פֿאַר אָרימע אַרעסטאַנטען 39 ר., אַ פּאַרקען אַרום דעם בֵּית עוֹלָם 100 ר.. רעמאָנט אויף דער באָד און שטאָדט קליטען 376 ר. 42 קאָפּ. געפֿעס פֿאַר דער ביליגער קיך 60 רובל, הילף מיט געלד 54 פּערזאָן פֿון 50 קאָפּ. ביז 30 רובל — 430 ר. 90 קאָפּ. און נאָך אַנדערע הוֹצָאוֹת. הַכְנָסָה פֿון שטאָדט און פֿון פֿערשיעדענע זייטיגע נדבות האָט די חברה געהאַט דאָס ערשטע יאָהר 3886 רובל 11 קאָפּ.

די סמעטע פֿון הוֹצָאוֹת אויף דעם צווייטען יאָהר, האָט מען בעשטימט 4288 ר. 35 קאָפּ. אין דער נייער סמעטע געפֿינען מיר 1250 רובל אויף צו לערנען אָרימע קינדער און 550 רובל אויף קליידונג פֿאַר זיי.

די חברה גיט אָב אָרימע קינדער אין די בעסערע חֲדָרִים און דערמיט קריגען אויך אָרימע קינדער אַ גוטע ערציהונג און עס ווערען אויך געשטיצט די בעסערע חדרים.

פֿון דעם חשבון זעהט מען אַז די נייע חברה האָט אַלע שטעד־טישע צדקוֹת אַריינגענומען אין איהרע הענד און גיט זיך אָב מיט אַלעס נייטיגס און ניצליכעס וואָס די שטאָדט פֿאָדערט. דעריבער איז קיין וואונדער וואָס די אַרבייט פֿון דער נייער חברה געפֿעלט אַלע קלאַסען

„אונזערע ברידער, שרייבט ה' מרגליות, געפינען זיך אין דער ערגסטער לאגע וועגען דער מיסערנטע (נעאוראזשאי); פיעל פאמיליען לוידען הונגער". צו דער חברה געהערען: מ. מרגליות, י. א. חמיעלניצקי, י. ל. סאקער, ש. דובנאוו, א. דיזענהאף א. אנדערע. נד־ות דארף מען שיקען אויף אדרעס פון ה' יעקב ריאבינאוו אדעסא (פושקינסקאיא, הויז רויכוועגער).

כדי צו בעקומען ריכטיגע ידיעות וועגען דער לאגע פון די הונגריגע אין פערשיעדענע מקומות האט דער קאמיטעט געשיקט אלס דעלעגאטען אין פערשיעדענע דערפער אין אקערמאנער אויעזד — ה' סאקער און שאפירא, און ה' דיזענהאף אין דעם בענדערער אויעזד.

צו העלפען די הונגעריגע קריסטען און יודען אין בעסאראביען און צו ברענגען די שטיצע אין ארדענונג איז ארויסגעפאהרען אהין פון מאסקווא דער פירסט ס. י. שאכאווסקאי; צו דעם צוועק האט מען איהם איבער־געגעבען פערשיעדענע נדבות וועלכע מען האט געזאמעלט אין מאסקווא פאר די הונגעריגע — 550 רובעל.

= פון די פראטאקאלען פון דער אדעסער חברה „ישוב ארץ ישראל". ה' נחום שויב פון מאסקווא האט אבגעזאגט פאר דער אדעסער חברה 2000 רובעל, בתנאי אז 1000 רובעל זאל זיין אויף זיין נאמען, און 1000 ר' אויף זיין פרויים נאמען, און אז במשך פון 50 יאהר נאך זייער טוידט זאל די חברה זארגען; דאס מען זאל אין ארץ ישראל זאגען קדיש אין זייער יאהרצייט.

דער אינזשיניער ל. קליינבארט פון קיעוו האט אבגעזאגט 2000 רוב' פאר דער אדעסער חברה. אז מען זאל פון דעם פראצענט געבען שטיצע קאלאניסטען אין ארץ ישראל, וועלכע בעארבייטען אליין די ערד, לויט איינזעהעניש פון קאמיטעט.

דער ועד הפועל אין יפו האט מודיע געווען דאס די קאלאניסטען אין גדרה הייבען אן אויסצוצאהלען זייערע חובות דער חברה, און זיי האבען בעשלאסען צו צאהלען אין לויף פון די יאהרען תר"ס ביז תרס"ה $4^0/_0$, און אין לויף פון די יאהרען תרס"ה ביז תר"ע $5^0/_0$ פון זייער ערנטע.

= קאראבקא. דער „וואסחאד" שרייבט, אז דער מיניסטער דעם אינגערען האט פאריגעס יאהר צושיקט א צירקוליאר צו די גיבערנסקע פראוולעניעס וועגען די ארדנונג פון אסיגנירען געלד פון דער קאראבקא. ביז יעצט איז געוועזן דער מנהג, אז אויף יעדע צו־פעליגע, נישט שטענדיגע, הוצאה פון קאראבקאגעלד האט מען געמוזט בעקו־מען די ערלויבניש פון מיניסטער דעם אינגערען; וועלכער האט זיך געמוזט פריהער פערשטענדיגען מיט דעם פינאנץ-מיניסטער און דאס האט נאטירליך געפאדערט פיעל צייט. יעצט וועט די גובערנסקיע פראוולעניע אליין האבען דאס רעכט צו אסיגנירען פון קאראבקא סומען נישט גרעסער פון 1000 רובל אויף צופעליגע, נישט שטענדיגע, בעדערפענישען; מיט דעם תנאי 1) אז די גובערנסקע פראוולעניע זאל זיך פריהער פע־שטענדיגען מיט דעם פערוואלטער פון דער קאזאננאיא פאלאטא און 2) דאס וועגען יעדע הוצאה זאל מען תיכף מודיע זיין דעם מיניסטער דעם אינערען.

= אביטע וועגען הלואה פון דער קאראבקא. דער בעסאראבער גובערנאטאר האט געשיקט צום מיניסטער דעם אינערען א ביטע פון דער אקערמאנער יודישער קהילה איהר צו לייהען 4000 ר' פון די רעסט׳ן פון דער קאראבקא, כדי צו געבען הילף די יודישע איינוואהנער.

= ז. מינאר ז"ל. אין ווילנא איז געשטארבען דער געוועזענער מאסקווער ראבינער ז. מינאר. ער איז געוועזן איינער פון די ערשטע תלמידים פון דער ווילנער ראבינער-שול. בעת ער איז געוועזן ראבינער אין מינסק האט ער איינגעפיהרט פיעל גוטע ארדנונגען אין דער קהילה און אין די צדקה-חברות. אין די 70-גער יאהרען איז ער געווארען ראבינער אין מאסקווא, וואו ער האט געמאכט א גרויס אויפזעהען מיט זיינע שענע אינהאלטס-רייכע דרשות. ער האט ארויסגעגעבען א זאמלונג פון זיינע דרשות אין רוסישער שפראך. אין די 90-גער יאהרען; ווען די יודישע קהילה אין מאסקווא האט איבערגעלעבט שווערע צייטען, האט מינאר מיט דעם גרעסטען מוטה זיך געסטארעט צו שיצען די אינ־טערעסען פון זיין קהלה און אבראטעווען די יודישע אנשטאלטען וועלכע ער האט געשאפען מיט אזוי פיעל מיה. נאר זיין ארבייט איז געוועזן אומזיסט, און ער האט געמוזט אויף די עלטערע יאהרען אבטרעטען פון מאסקווא. די לעצטע יאהרען האט ער פערבראכט אין ווילנא. תנצב"ה.

*

**ענגלאנד.** = פערזאמלונג פון דער חברה „אגודת אחים". די ענגליש-יודישע צייטונג Jewish Chronicle דערצעהלט וועגען א פערזאמלונג פון דער יודיש-ענגלישער חברה „אגודת אחים", אויף וועלכער ה' קלוד מאנטעפיארע האט מודיע געווען, אז באראן עדמונד ראטהשילד וויל איבערגעבען דער חברה יק"א זיינע קאלאניעס אין ארץ ישראל:

ה' קלוד מאנטעפיארע האט געעפענט די פערזאמלונג מיט דער מעלדונג, אז דער באראן עדמונד ראטהשילד האט איבערגעגעבען דער חברה יק"א זיינע 7 קאלאניעס אין ארץ ישראל אויף געוויסע בעדינגונגען. אין די קאלא־ניעס זענען דא 470 פאמיליען קאלאניסטען און אגרויסע צאהל פון ארבייטער וועלכע האבען על פי רוב פאמיליען. 2 סבות האבען בעוואגען דעם באראן ראטהשילד איבערצוגעבען זיינע קאלאניעס: איינמאל, און דאס איז דער עיקר, וויל ער וויל זיין פערזיכערט אז זיינע ארבייט, אין ארץ ישראל, זאל האבען א קיום אויך נאך זיין טוירט, און צווייטענס האט שוין די חברה יק"א געהאט פיעל פראקטיקע אין יודישער קאלאניזאציאן, און זי וועט בעסער פערשטעהן ווי איינצופיהרען אין די קאלאניעס א נייע אדמיניסטראציאן, נאכדעם ווי די אלטע אדמיניסטראציאן האט נישט געבראכט צום צוועק. ביז יעצט איז אין די קאלאניעס פון ראטהשילד געוועזן גרעסער די הוצאה אלס די הכנסה, וואס מען קען ערקלערען דורך דער שלעכטער אדמיניסטראציאן און אויך דורך דעם, וואס די קאלאניסטען האבען זיך צופיעל פערלאזען אויף די רייכע קעשענע פון ראטהשילד. אלס ראטהשילד האט פארגעלעגט די זאך פאר דעם קאמיטעט פון יק"א האבען די 3 ענגלישע מיטגליעדער געזאגט זייער מיינונג, אז מען דארף די קאלאניעס נישט איבערנעהמען. די טעמים זענען געוועזן די דאזיגע: איינ־מאל, האט די חברה יק"א בעשלאסען נישט צו גרינדען קיין נייע קאלאניעס, נאר צו שטיצען מיט אנלייהען די אלטע; אין דעם אליין האט די הברה ביז יעצט אריינגעלעגט אגרויסע סומע געלד, און דערום דארף מען נישט מעהר אויסגעבען געלד אויף די ארץ ישראל-קאלאניעס. צווייטענס האט די חברה יק"א דערווייל געגוג געטהון אין ארץ ישראל און זי האט פאר זיך נאך פיעל ארבייט אין ארגענטינא אין צפון-אמעריקא.

דער קרייז פון איהר ארבייט אין רוסלאנד, גאליציען און רומעניען פער־גרעסערט זיך אויך אלעמאל. אויסערדעם האלטען די ענגלישע מיטגליעדער, אז עס איז אגרויסער ספק אויב די קאלאניעס פון ראטהשילד וועלען מצליח זיין, ווען מען וועט אויך ענדערען די אדמיניסטראציאן, ווייל די בעאמטע פון באראן ראטהשילד האבען מיט זייער שלעכטער פיהרונג צוגענומען דעם חשק ביי די קאלאנסטען צו ווערען זעלבסטשטענדיג; אויך איז אמורא דאס דער ווייגביי וועט נישט זיין אימשטאנד צושטעלען די קאלאניסטען אויף די פיס. די וויכטיגסטע טענה פון די ענגלישע מיטגליעדער פון יק"א איז געווען, אז די חברה האט נישט דאס רעכט צו ארבעטען און אריינלעגען קאפיטאלען אין א לאנד וואו רוסישע יודען טארען נישט קומען. נאך א טעם איז דא: אויב די חברה וועט איבערנעהמען די קאלאניעס וועט מען מיינען, אז זי האלט מיט די ציוניסטען, וועלכע האבען שוין פיעל שאדען געבראכט יודען (?).

די איבעריגע מיטגליעדער פון קאמיטעט פון יק"א האבען געזאגט זייער מיינונג, אז מען דארף יא אננעהמען דעם פארשלאג פון באראן ראטהשילד אין דאס וועט גאר נישט זיין קיין בעוויז אז יק"א האלט מיט די ציוניסטען; דען עס איז יעדען בעקאנט, אז די ציוניסטען זענען געגען דער קאלאניזאציאן. די חברה יק"א וועט נישט דארפען אריינלעגען פיעל געלד אין די קאלאניעס, ווייל דער באראן ראטהשילד האט גענומען אויף זיך צו געבען יעדעס יאהר א געוויסע סומע אויף הוצאות, און ווען די חברה יק"א וועט נאך דארפען צולעגען אויף הוצאות פון איהר געלד $^2/_3$ פון דעם וואס ראטהשילד האט צוגעזאגט צו געבען, האט זי דאס רעכט זיך אבצוזאגען אין גאנצען פון די קאלאניעס, און מבטל צו זיין דעם קאנטראקט מיט ראטהשילדען. לויט דער מיינונג פון ה' מאירזאהן, איינער פון די פלייסיגסטע בעאמטע פון יק"א, וועלכער איז געוועזן נישט לאנג אין ארץ ישראל און האט בעגעבען אלע קאלאניעס איז צו האפען, אז אין לויף פון נאך איינגע יאהר זאלען די קאלאניעס קימען צו אגוטען שטאנד.

ה' קלוד מאנטעפיארע האט אויפגעפאדערט די מיטגליעדער פון דער חברה „אגודת אחים", צו וועלכער עס געהערט $^1/_8$ פון אלע אקציעס פון יק"א, זיי זאלען זאגען זייער מיינונג אין דעם ענין און מסכים זיין מיט דעם פערהאלטען פון די ד־יי ענגלישע מיטגלידער אין דער אסיפה פון יק"א. די מיט־גלירער פון „אגודת אחים" האבען אבער אויסגעדריקט זייער גאנצעס צוטרויען צו יק"א און זייער צופרידענהייט מיט דעם בעשלוס איבערצונעהמען ראטהשילדס קאלאניעס אין דעם רשות פון יק"א.

*

**פראנקרייך.** = יודישע סטאטיסטישע חברה. ה' בערנאר לאזאר האט מודיע געווען די יודישע צייטונגען, אז „די יודישע געזעל־שאפט פון סטאטיסטיק און היסטאריע" (Société juive de statistique et d'histoire) האט אנגעהויבען איהר ארבייט. זי האט צושיקט א צירקולאר, אין וועלכען זי וואייזט אויף די גרויסע ראלע וועלכע סטאטיסטיק שפיעלט ביי אלע געבילדעטע פעלקער, די לאגע פון די יודען אין פערשיעדענע לענדער פאדערט נאך מעהר צו זאמלען ריכטיגע אין פאלשטענדיגע ידיעות וועגען אלע שאלות פון יודישען לעבען. נישט נור די ידיעות וועגען דער מאטעריעלער לאגע פון יודען, נאר אויך אלעס, וואס געהער זיך אן דעם יודישען פאלק, זיין שטאנד, בעדערפענישען און פערלאנגען דארף ווערען גרינדליך געזאמעלט און בעארבעט.

אונזער צוועק איז צו זאמלען ריכטיגע ידיעות וועגען אלע פראגען וועלכע ווערען יעצטיגע צייט בעהאנדעלט, הן ביי יודען, הן ביי די פעלקער, צווישען וועלכע יודען וואהנען, כדי צו העלפען די שאלות פותר צו זיין. פאקטען און ריכטיגע ציפערען וועלען געוויס אבלייקענען פערשיעדענע פאלשע **זאכען און בבא-מעשיות, און געבען די מעגליכקייט זיך בעסער צו בעקענען**

ווי עס ווערט וואס ווייטער ציון,
אונזער ציון, מעהר פערגעסען.

ווער דערמאהנט זי, און ווער וויל שוין,
ס'זאל אמאל אונז אנדערש ווערען...
טויט די תפלות און די ווינשען,
קאלט די ווערטער, פאל'ש די טרערען!..

און עס ווערט דאס פאלק וואס ווייטער
מעהר אין טיעפען זומפף פערזונקען
פון א ניעדריג־קליינעם לעבען,
אין א נאכט אהן שיין און פונקען...

ס'איז א גרויסער דור־המדבר...
מענשען־שאטענס, אהן א ווילען,
קנעכט מיט אויסגעפוילטע הערצער,
אהן חלומות, אהן געפיהלען.

קנעכט, וואס ליעבען זייער קנעכטשאפט
און די גלות־שלעג די שווערע,
וואס פערשטעהען ניט די ווערטער:
פרייהייט, פאטערלאנד און עהרע!

קנעכט, וואס ווילען פון דעם גרויסען
אלטען לעבען גאר ניט וויסען...
אונזער פאהן פון חשמונאים
ליעגט צערטרעטען און צעריסען,

און מיר טרעטען זי אליין שוין,
טיעף געפאלען און פערדארבען...
אין דעם פאלק פון קנעכט און שלעפער
איז אין גאנצען אבגעשטארבען

יעדע האפנונג, יעדעם שטרעבען
זיך בעפרייען פון די צרות,
אונזער פאלק איז גלייך געווארען
צו א אלטען בית־הקברות,

מיט פערחושכטע מצבות;
קאלטע הערצער, הערצער שטיינער
ווי אין בילד פון אונזער נביא
טויטע אויסגעדארטע ביינער.

וואס איז אונז געבליעבען, וואס איז
פון א גרויסען פאלק געווארען?....
— ווייטע חורבות, א מצבה
אויף דעם גליק פון אלטע יאהרען,

און ביי חורבות, ביי די שטיינער
קלאגען, זיפצען חורבות אלטע
פון א פאלק מיט טויטע הערצער,
הערצער שטיינערנע און קאלטע....

ל. יפה.

---

# ערינערונגען פון קינדישען לעבען.

פון י. דינעזאהן.

צוויי מענשען, צוויי יודען, מיין איך, האבען, ניט וועלענדיג און ניט וויסענדיג, מיין ערשט בעגינענד גייסטיג לעבען אין מיר צוריסען, אין מיר א מלחמה אויפגעוועקט, פון וועלכער איך האב א צייט געליטען און וועלכע האט מיר אויך אסך אונשולדיגע טהרערען געקאסט.

איך מיין יענע מלחמה, ווען דער קאפ איז זיך דערווידער מיט דעם הארצען, און דער שכל קען ניט אייניג זיין מיט דעם געפיהל. דער שכל האט זיך זיין קלארען קאלטען חשבון, בערעכענט וואס גוט, וואס גלייך איז; דאס געפיהל אבער וויל פון דעם ניט וויסען און פערלאנגט א מאל פונקט דעם הפך,ביידע האבען זייערע וויכטיגע טענות, ביידע ציהען מיט גלייכען כח, יעדער אין זיין זייט, דער מענש שטעהט אין מיטען, ווערט צעריסען פון ביירען, ביז עס קומט א הילף פון א זייט און ציהט איבער אהין אדער אהער, דאמאלס פרעהען מיר זיך מיט דעם שלום און בעגרייפען קוים, ווי אזוי האבען מיר עס פריהער ניט פערשטאנען?!

איינער פון די צוויי מענשען, איז געוועזען איין ארימער יוד, ר' מאיר יעקע דער תלמוד־תורה מלמד. דער אנדערער — קלמן מארינהאף, אויך ניט קיין רייכער, און אויך א מלמד.

ר' מאיר יעקע איז געוועזען אהויכער מעכטיגער יוד, ווען ניט אזוי הויך און אזוי מעכטיג ווי עוג מלך הבשן, אבער ניט קלענער און ניט שוואכער געוויס פאר גלית הפלשתי. דער חלוק צווישען גלית'ן און ר' מאיר יעקען להבדיל, האב איך דאן געמיינט, זענען נור די פאר געוואלדיג ברייטע לאנגע פאות, וואס ר' מאיר האט זיי און גלית — ניט. ווייניגסטענס האב איך אזא גלית'ן אין מיין מאמעס א טייטש־חומש אבגעמאלט געזעהן, און האב מיר גאר קיין אנדערען ניט געקענט פארשטעלען.

ר' מאיר יעקען האב איך קיינמאל ניט זיצענדיג, ניט שטעהענדיג, און ניט נעהענדיג געזעהן, האטש איך פלעג איהם אפט בעגעגנען מיט ר' ברוך דעם שוחט און מיט ר' אריה דעם דין. געהן אבער פלעגען נור זיי, און ר' מאיר פלעגט שפרייזען, ווי ניט זיין כח וואלט איהם טראגען, און די פאר לאנגע ווילדע פאות זיינע פלעגען נור שווימען, פון ווינד אומגעפלאטערט ווי צוויי פלאגען אויף א הויכען מאצט, און די פאר לאנגע ברייטע פאלעס פון זיין קיטאיענער זופעצע, וועלכע פלעגען זיך פון ווינד אנבלאזען און אויסשפרייטען, פלעגען אנשטאט צוויי זעגלען ר' מאיר יעקען ווי א שיף אויפ'ן ים טראגען. און קוים פלעג איך איהם מיט זיין קאמפאניע דערזעהן, פלעג איך שוין וויסען, אז אין שטאדט טהוט זיך עפיס. עפיס וואס איז ערגיץ קאלע געווארען, צי דער ערוב האט זיך איבערגעריסען, צי מיט דער מקוה האט וואס געטראפען, אדער אנדערע אזעלכע יודישע זאכען, וואס ברויכען א תקון אדער א השגחה נור, ווי דאס כשר פלייש אין די יאטקעס, א חשש חמץ ערגיץ אין א מצה־פאדריאד —, אומעטום וועלען זיי שוין מתקן זיין, אומעטום אכטונג געבען, אונ איך מעג זיין זיכער, יודען וועלען שוין צו א מכשול חלילה ניט קומען.

אפילו אין גרויסען בית המדרש דאווענדיג. האב איך קיינמאל ר' מאיר יעקען ניט געזעהן ווי אבי ועמען, נאר דער גאנצער אומגעלומפערטער גוף זיינער האט זיך אומגעווארפען, אומגעשליידערט ווי א בוים אין וואלד ערגיץ פון א מעכטיגען שטורעם ווינד. און דאס איז קיין דאווענען געוועזען, א שטייגער ווערטער פון א סדור ארויסגערעדט, נאר אלאנגער ווילדער ברום פון א צורייצטען לייב, וואס האט זיך אויף איין רגע ניט איבערגעריסען פון "מזמור שיר חנכת" ביז "גאל ישראל". פון זיין געשריי: "ולגדולתו אין חקר" האב איך געמיינט, ציטערן ניט נור די פענסטער פון בית המדרש, נאר עס ציטערן טאקי אלע זיבען הימלען, און דארט אויבען צווישען די מלאכים, מאכט אזא "ולגדולתו אין חקר", דעם איינעם רושם, וואס מאכט א אנגעפולטע באמבע, ווען זי פאלט אריין אין א מחנה חיל. זיין "קדוש, קדוש, קדוש" איז א סאלוט געוועזען פון הונדערט הארמאטען מיט א מאל. אזא קול האט מאיר יעקע געהאט און מיט אזא גבורה האט ער געדאווענט.

אונ ניט אומזיסט האבען זיך פרומע ווייבער געבענשט, מיט מעהר מזל נור, אזעלכע צדיקים קינדער צו האבען ווי ער, און ניט אומזיסט האבען מיר הדר־יונגליך איהם געהאלטען פאר דעם גרעסטען צדיק אין דער וועלט. מעהר צדיק אפילו פאר אונזער רב, וואס איז בעריהמט געוועזען פאר א גרויסען גאון; האטש מיר האבען געוואוסט, אז אין לומדות, אין חריפות איז דער רב גרעסער פאר ר' מאיר יעקע'ן. ווארום ווען ניט, וואלט דאך ר' מאיר יעקע אליין געקענט

זיין א רב און וואָלט ניט דאַרפֿען לערנען מיט קליינע, אָבגעריסענע, באָרפֿיסע קינדער חומש מיט רש"י.

איך נעדענק ניט פֿון ווענען האָב איך עס געהערט א מאָל, נאר איך האָב געוואוסט, אז ר' מאיר יעקע וויל זיין אַ קרבן עולה אדער קרבן חטאת פֿאַר כלל ישראל, און מיט שמחה וועט ער אַ מאָל געהען אין פֿייער, אָדער אין וואסער אַריין אויסצולייזען, מיט זיין טוידט, אלע יודען פֿון אַ גזרה אַ שלעכטע, אָדער אַזוי צו שטילען גאָט'ס צאָרן אויף יודען. און האָב איך מיר נור געוואָלט פֿאָרשטעלען עפּיס אַ אמת פֿרומקייט, אַ אמת הייליגקייט, איז מיר אַליץ ר' מאיר פֿאַר מיינע אויגען געשטאַנען, אפילו משיח'ן און משיח'ס צייטען האָב איך מיר אָהן מאיר יעקען ניט געקענט פֿאָרשטעלען. אָט דאַכט מיר, קומט שוין משיח, יודען גרייטען זיך צו, איהם מקבל פנים צו זיין, נאָר איידער איך דערזעה נאָך משיח'ן אַליין, זעה איך שוין ווי ר' מאיר שפּרייזט מיט אומפֿלאַטערענדע פאות, מיט די אויפֿגעבלאָזענע פאָלעס פֿון זיין זופּיצע, און ערשט הינטער איהם, זעה איך משיח'ן אַליין אין אַ גאַנצען רעדיל זקנים און שענע יודען, אַ מהיה צו זעהן. אָט דאַכט מיר, גיט משיח אַ בלאָז מיט'ן גרויסען שופר, עס הויבט זיך אָן די גרויסע מלחמה מיט גוג און מגוג'ן, ר' מאיר יעקע גיט זיך אַ הויב, אַ שפּרייז און עס פֿאַלען אונטער זיינע פֿיס חילות גאַנצע ווי סנאָפּעס אויפֿ'ן פֿעלד, ער הויבט אויף זיין רעכטע האַנד און גיט אַ געשריי: ימינך ה' נאדרי בכח! און עס פֿאַלען ביי דעם שונא די ציינער אַרויס פֿאַר שרעק. שפּעטער, דאַכט מיר, זעה איך שוין ר' מאיר יעקען אין גן עדן, אין רעכטען מזרח אויבענאַן. ער טאַנצט, ער זינגט מיט אַזאַ גבורה, מיט אַזאַ התלהבות, אַז עס דאַכט זיך, דער גאַנצער גן עדן טאַנצט מיט און זינגט מיט מיט איהם, פּונקט ווי שמחת תורה צו הקפות, די גאַנצע שוהל — און פּונקט ווי אין שוהל, שטעהט דער רב מיט אַלע זקנים, קוקען אויף מאיר יעקען מיט פֿרייד און פּאַצען צו מיט די הענד: שישו ושמחו! שטעהען דאָרטען די הייליגע אָבות אברהם יצחק און יעקב מיט צדיקים און פּאַצען מיט הענד פֿון שמחה, ר' מאיר יעקע טאַנצט, עס טאַנצען די פאות זיינע און דער הויך, די פּאָלעס זיינע אין דער נידער, ער טאַנצט און זינגט, עס טאַנצט דער גאַנצער גן עדן מיט, אפילו ירמיהו הנביא, וואָס קלאָגט און וויינט אויפֿ'ן פּאָרטרעט, וואָס הענגט ביי אונז אויפֿ'ן וואַנד, גיט אויך אַ שמייכעל און פּאַצט אויך כלומרשט צו, און דער גאַנצער עולם איז לוסטיג, לעבעדיג.

אין הדר פֿלעגען מיינע חברים אָפּט רעדען פֿון מאיר יעקען און יעדעס מאָל דערצעהלען פֿון זיין פֿרומקייט, זיך בעריהמען, אַז זיי האָבען איהם ליעב ווי דאָס לעבען, און עס איז אַ מצוה טאַקי איהם ליעב צו האָבען, וואָרום צו ליעב זיין זכות לעבען מיר אפשר אַלע. צו ליעב זיין דאַווענען מיט אַזאַ כח, מיט אַזאַ גבורה, קעהרט גאָט די וועלט ניט איבער ווי סדום און עמורה פֿאַר איהרע שווערע זינד. דערפֿאַר איז ער ווערטה מען זאָל איהם זיינע טריט קושען! און מיר האָט זיך אויך געוואָלט אַזוי פֿרום זיין ווי מיינע חברים' מאיר יעקען אויך ליעב האָבען ווי זיי, נאָר יעדעסמאָל, ווען איך האָב געטראַכט פֿון ליעבשאַפֿט צו איהם, פֿון קושען זיינע טריט, ווי די חברים מיינע האָבען געזאָגט, פֿלעג איך אַ ציטער טהון און דאָס האַרץ האָט עפּיס אין מיר זיך ניט גוט געפֿיהלט, און איינמאָל, אַז ער איז צו אונז אַריינגעקומען נאָך אַ נדבה, מסתמא, אונ האָט מיך געוואָלט מיט זיין גרויסער האַנד אַ גלעט טהון, האָב איך זיך אַרויסגעריסען פֿון איהם, בין פֿון שטיב אַרויסגעלאָפֿען און צוריק ניט אַריינגעגאַנגען, ביז איך האָב איהם ניט געזעהן אַוועקגעהענדיג.

די מאַמע האָט זיך אָנגעבייזערט אויף מיר, געזאָגט, זי וואָלט עס פֿון מיר גאָר נישט גערעכענט, איך זאָל פֿון אַזאַ פֿרומען טהייערען יודען גיט לאָזען אַ גלעט טהון. —פֿאַר וואָס? האָט ער דיר ווען וואָס שלעכטס געטהון? האָט — זי געפֿרעגט.

איך בין געשטאַנען און געשוויגען, זיך געפֿיהלט זינדיג, דאס האַרץ האָט עפּיס ווי געקלעמט אין מיר, איך האב אליין ניט געוואוסט וואס מיר איז געשעהן. פֿון דעמאלט אָן האב איך אנגעהויבען מורא האבען פֿאַר מאיר יעקען, מורא האבען טאמיר גיט ער מיר א קוש, און פֿון דעם גדאנק, טאמיר הייסט ער מיר איהם צוריק א קוש געבען האב איך אלע מאל אַציטער געטהון. פאר וואס? — האב איך איהם אפשר ניט ליעב? איז ער אפשר ניט ווערטה פאר אזא דאווענען, פֿאר אזא פֿרומקייט, איך זאל איהם ליעב האבען? - די שאלות האבען זיך אלע מאל מיר געשטעלט, ווען איך בין נור נאהענט געוועןָ פֿון ר' מאיר יעקען, קיין קלארע תשובה האב איך אבער ניט געהאט, און קוים האט זיך מיר נור אויסגעדאכט, ער וויל רעדען מיט מיר, מיך א גלעט טהון, בין איך באלד מיט אנגסט אנטלאָפֿען געווארען.

(פֿארטזעטצינג קימט)

## נייע ביכער.

**די מעטהאדען פֿון דער יודישער קאלאניזאציאן.** פֿון ב. ב.—וד, סט. פעטערבורג.

ה. ב. ב.—וד איז גוט בעקאַנט מיט אַלע פֿיהרונגען פֿון דער יודישער קאָלאָניזאַציאָן, און זיין קליין ביכעל לייענט זיך מיט פֿערגעניגען און נוצען.

ה. ב. ב.—וד מיינט, אַז פֿריהער אָדער שפּעטער וועט פֿון דער הויב־לער אַגיטאַציע נעהמען אַ סוף, עס וועט זיך אָנהויבען די פּעריאָדע פֿון דער פּראַקטישער אַרבייט, און אונזער הויפּטגעדאַנקען וועט ווידער זיין ווי צו בעשאַפֿען אַ יודישען אַקערבוי אין פּאַלעסטינאַ.

ער ווייזט אויף, דאָס ביז איצט האָט זיך אונז ניט איינגעגעבען צו גרינדען ערגיץ וואו דויערהאַפֿטע קאָלאָניעס. די קאָלאָניעס אין רוסלאַנד שטעהען אויף אַ ניעדריגען מצב, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט אָנגעווענדט אַ סך מיטעל און געלד, ווי זיי צו קרעפּטיגען און בעפֿעסטיגען. דאָס אייגענע קען מען זאָגען פֿון אַרגענטינאַ. מכּח די קאָלאָניעס אין ארץ ישראל איז זייט דעם צווייטען באַזעלער קאָנגרעס איטליכען בעקאַנט אויף וועלכע היהנערשע פֿיסליך זיי שטעהען נאָך עד היום. ווי קומט דאָס פֿרעגט ה. ב.—וד דאָס אַזוי פֿיעל געלד צייט און עהרליכע אַרבייט געהען לאִבּוד? און ער ענטפֿערט, דאָס אונזער הויפּט־פֿעהלער ליעגט אין דעם, וואָס מיר האָבען געוואָלט מאַכען פֿון יודען, דעם שטעדטישען הענדלער אַ דאָרפֿישען אַקערמאַן. אַזאַ אומקעהרעניש איז בשום אופן ניט מעגליך דורכצופֿיהרען און דערום זענען מיר ניט געקומען נעהנטער צו אונזער ציעל. מען האָט אַ צו קליינע מיינונג פֿון דעם בויער, דעם בעל הבית פֿון אַ שטיקעל ערד. ניט נור מיר אַליין, אפילו אונזערע זיידעס און עלטער זיידעס האָבען שוין גדאַרפֿט ערצויגען ווערען ביי ערד אַרבייט, כּדי מיר זאָלען קענען אויספֿיהרען מיט נייטהיגער קלוגקייט און שפּאַרזאַמקייט די טויזענד קליינע אָפּעראַציעס און אַרבייטען, וועלכע עס מאַכט איטליכען טאָג אַ געבאָרענער בויער. כּל זמן מיר קענען דאָס ניט, וועלען אַלע אונזערע נייע קאָלאָניעס האָבען די אייגענע מיאוס'ע הצלחה, ווי די פֿריהערדיגע, זיי וועלען איינשליגען אַ תהום געלד, דער קאָלאָניסט וועט אייביג זיין אָנגעוויזען אויף שטיצע און גמילת חסדים און ער וועט אייביג פֿיהרען אַ מלחמה מיט דעם דלות; ביז אפשר אַ מאָל, אַ מאָל, אין 100 יאָהר אַרום וועט ער זיך אויסלערנען צו גלייך מיט די אויסגעלערנטע. עס איז נאָך אָבער אַ האַרבע קשיא צי וועט ער דאָס אויסהאַלטען און ניט אַוועקוואַרפֿען ערד און שטוב צו זוכען זיין גליק ביי איין אַנדערע מלאכה!

ה' ב.—וד פֿערלאַנגט, אַז מען זאָל זיך אָבזאָגען פֿון דער אַלטער מעטהאָדע און זיך נעמען צו אַ נייע. אַנשטאָט צו מאַכען אַ שטעדטישען מענשען פֿאַר אַ בעל־הבית אויף אַ שטיקעל ערד, ד. ה. געבען אַ שניידער אַ נאָל אין דער האַנד, שלאָגט ער פֿאָר, אַז ערד אין פּאַלעסטינא זאָלען איינקויפֿען גרויסע געזעלשאַפֿטען אָדער די קאָלאָניאַלבאַנק און זאָלען זי בעאַרבייטען אויף קאַפּיטאַליסטישען אופן, דאָס הייסט: די ערד זאָל ניט פֿערטהיילט ווערען צווישען איינצעלנע קאָלאָניסטען, וועלכע דאַרפֿען אויף זייער טהייל אויספֿיהרען אַלע אַרבייטען: אַ קערען, זייען, בראַנאָווען, הייזער בויען, די בהמות פֿערזאָרגען, מיט עופות זיך אַרומפֿיהרען א. ד. ג. נאָר זי זאָל בעאַרבייט ווערען פֿון לאַנדאַרבייטער, וועלכע טהיי־

לען זיך איין נאָך דער אַרבייט וועלכע עס ווייזט זיי אָן די אַדמיניסטראַציע פֿון דער געזעלשאַפֿט. דער נוצען וועט זיין דער, וואָס די ערד וועט בעסער, שפּאָרעוודיגער בעאַרבייט ווערען; די אַרבייטער, וואָס וועלען האָבען נור אויסצופֿיהרען איין סאָרט אַרבייט, וועלען זיך גיכער, אַריינאַרבייטען און וועלען מעהר איינברענגען. אַסך געלד און צייט וואָס ווערט פֿערפֿאַלען דורך דעם, וואָס דער שפּאָגעלנייער קאָלאָניסט דאַרף זיך אויסלערנען טויזענדער אָפּעראַציעס און סוֹף כָּל סוֹף קען ער קיינע ניט, ווי עס דאַרף צו זיין, — וועלען איצט ניט געהן לְאִבּוּד, אויסערדעם וועלען דאַדורך צוגעצויגען ווערען די יודישע פּראָלעטאַריער (די אָרימע אַרבייטער) פֿון פּאַלעסטינא און אַנדערע לענדער, וואָס האָבען איצט צוליעב די אַלטע מעטהאָדע ניט די מעגליכקייט מיטצואַרבייטען אין דער קאָלאָניזאַציאָן פֿון פּאַלעסטינא. — דאָס אונזער פּראָלעטאַריאַט איז פֿעהיג צו לאַנדאַרבייט בעווייזען טויזענדער ביישפּיעלען. אין פּאַלעסטינא האָט זיך פֿון זיך אַליין בעוויזען דער יודישער לאַנדאַרבייטער, ווי באַלד מען האָט איהם נור געפֿאָדערט. אין רוסלאַנד זענען דאָ מאַסענהאַפֿט יודישע לאַנדאַרבייטער, וואָס טויגען אויסגעצייכענט צו דער אַרבייט. מען דאַרף נור לעזען וואָס מען שרייבט אויף זיי אין רוסישע צייטונגען, אָדער הערען די מיינונג פֿון בראַגין און בינשטאָק, וואָס קענען גענוי דעם יודישען לאַנדאַרבייטער אין פּאַלעסטינא. דאַדורך וואָס די קאָלאָניזאַציאָן אויפֿ'ן קאַפּיטאַליסטישען אופֿן וועט זיין גוט און איינטרעגליך, וועט פּאַלעסטינא אַליין צוציהען נייע קאַפּיטאַלען און נייע אַרבייטער, די קאָלאָניזאַציאָן וועט זיך אַליין מעהר פֿערברייטערען, די אַרבייטער וועלען האָבען שטענדיג וואו צו פֿערדינען און פֿאַר אַ גרויסען טהייל פֿון אונזער יודישען פּראָלעטאַריאַט וועט די נייע מעטהאָדע ברענגען אַ אֱמֶת'ע הילף.

ביי אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז זעהר מעגליך, דאָס שפּעטער וועלען זיך פֿון דעם לאַנדאַרבייטער־קלאַס זיך אַרויסבילדען קאָלאָניסטען מיט איינענער ערד, פֿעהיג צו זיין בַּעֲלֵי בָּתִּים ווי געבאָרענע בויערן.

ה. ב.—וד ווייס אָבער אַז די קאָלאָניזאַציאָן פֿון פּאַלעסטינא איז פֿאַר דעם ציוניזם נור אַ מיטעל צו דערגרייכען אַ העכערען צוועק.

אונזער הויפּט ציעל איז צו בעשאַפֿען דאָרטען אַ נאַציאָנאַלעס לעבען און דערצו דאַרפֿען מיר האָבען מענשען וועלכע זאָלען זיין צוגעבונדען צו דער ערד. ה' ב.—וד לייקענט אפילו ניט, דאָס נור דער קאָלאָניסט קען זיין שטאַרק צוגעבונדען צו'ם אָרט וואו ער לעבט, נאָר ער פֿערזיכערט אונז, אַז דעם לאַנדאַרבייטער קען מען אויך צובינדען צו פּאַלעסטינא, ער בעווייזט אָבער ניט קלאָר ווי אַזוי, און דער פּונקט איז ביי ה' ב.—וד שוואַך אַרויסגעקומען. דער פּונקט איז אָבער פֿאַר דעם ציוניזם זעהר וויכטיג, און מיר מעגען האָפֿען דאָס ה' ב—וד וועט אין אַן אַנדער שטעל דייטליכער ערקלערען זיין געדאַנקען, דען ווי די מעשה איז, קענען מיר אויף ה.ב—וד דעם שֶׁבַח זאָגען, דאָס ער איז כּמעט איינער פֿון די ערשטע, וועלכע טרעטען צו מיט ערנסטע געדאַנקען צו דער פֿראַגע פֿון דער יודישער קאָלאָניזאַציע. דער ערשטער באַזעלער קאָנגרעס איז אַרויס מיט אַ שטאַרקער קריטיק געגען דעם קליינעם פֿאָרבעהאַלטענעם אופֿן אין דער קאָלאָניזאַציע. וועגען די מעטהאָדע פֿון דער קאָלאָניזאַציע בִּפְרַט האָט נאָך דער קאָנגרעס ניט אַרויסגעזאָגט זיינע געדאַנקען. ה'ב.—וד געהט נאָך ווייטער, און דערפֿאַר זענען מיר איהם מְחוּיָב צו דאַנקען. די טיעפֿע צערגליעדערונג פֿון ה' ב־וד'ס פֿאָרשלאַג וועט אנווייזען ווי ווייט ער איז גערעכט און ווי ווייט ער איז מְגַזֵם. דער „יוד" וועט נאָך אָפֿט האָבען די געלעגענהייט צו ריידען וועגען דעם אין גרעסערע און ברייטערע אַרטיקעל.

בַּעַל מַחְשָׁבוֹת.

---

# די פֿאַמיליענפּאַפּירען.

## זכרונות פֿון דוד המלך'ס פֿאַמיליע.

### פֿון א. ש. פרידבערג.

(פֿאָרטזעצונג)

נון פֿרעג איך איהם: איהר זאָגט, אַז צו געוויסע צייטען בעשעפֿטיגט איהר אייך מיט „לייענען און לערנען די תּוֹרָה" — ווער זשע לייענט און לערנט מיט'ן עוֹלָם, ווען איהר האָט קיין כֹּהֲנִים, וואָס האָבען זיך דערמיט צו בעשעפֿטיגען?

— מיר אַלע! — איז געוועזען דער ענפֿער — יעדער פֿאַמיליען־פֿאָטער קען לייענען די תּוֹרָה, און גיט אָב זיין פֿרייע צייט זי צו לערנען מיט זיינע קינדער און מיט זיין הויזגעזינד. יעדעס יונגיל, ווען ער איז צוועלף יאָהר אַלט, קען זי שוין אויסווענדיג, און יעדער ערוואַקסענער איז אים שטאַנד צו זאָגען תּוֹרָה און ערקלערען אַלעס. צווישען אונז ווערד שטענדיג גוֹרָל געוואָרפֿען ווער עס האָט אַם שַׁבָּת אָדער יום־טוֹב צו דַרְשׁ'ענען פֿאַר דעם עוֹלָם פֿון דער סֶדְרָה אָדער פָּרָשָׁה וואָס ווערד אין יענעם טאָג געלייענט.

— און וואָס איז דער אינהאַלט פֿון אייערע דְרָשׁוֹת?

„נור מוּסָר און גוטע מִדּוֹת וועלכע געפֿינען זיך אומעטום אין דער תּוֹרָה און דאָס ווערד פֿאָרגעטראָגען אָהן קונצען, אָהן פְּשָׁט'ליך, נאָר אין קלאָרע דִבּוּרִים, מיט וואַרעמע ווערטער וועלכע געהן אַרויס פֿון טיעפֿען הערצען און דערפֿאַר קומען זיי טיעף אין הערצען אַריין.

— און וועלכע תְּפִלּוֹת זענען ביי אייך איינגעפֿיהרט?

„עס זענען דאָ פֿערשידענע: „שְׁמַע יִשְׂרָאֵל" דאָס איז דאָס הויפּט. דאַן האָבען מיר פֿערשידענע פְּסוּקִים געקליבען פֿון תְּנַ"ךְ. אָבער אויסער די איינגעשטעלטע תְּפִלּוֹת בעט יעדער פֿון אונז מיט אייגענע ווערטער וואָס זיין הערץ און געפֿיהל לערנען איהם, און וואָס די צייט און געלעגענהייט פֿאָדערן. דאָס זאָגט יעדער פֿאַר זיך, אין דער שטיל, ערהויבענדיג די אויגען צום ליעבען גאָט אין הימעל. אָבער פֿאַר די פּריוואַטע תְּפִלּוֹת וואָס יעדער בעט פֿאַר זיך טרעט איינער פֿון אונז אויף, לייענט אין דער תּוֹרָה, און דאַן האַלט ער איינע רעדע פֿון דעם עִנְיָן וואָס ער האָט פֿאָרגעלעזען און קומט דערפֿון אויף אַ דְרָשָׁה פֿון מוּסָר, פֿון יִרְאַת שָׁמַיִם און מִצְוֹת און מַעֲשִׂים־טוֹבִים, מיט זיינע גליהענדע ווערטער ערהיצט און ערהויבט ער אַלע הערצער, און ביי אַזאַ בעגייסטערונג ערגיעסט זיך יעדער אין איין געבעט צו גאָט ווי עס דיקטירט איהם זיין געריהרט האַרץ.

— און וועלכער אָרט איז ביי אייך בעשטימט צום גאָטעסדיענסט?

„ביי שענעם וועטער האָבען מיר אַ פֿרייען פּלאַץ אין וואַלד — דען וואו איז אַ גרעסערער מָקוֹם־קָדוֹשׁ ווי אין דער וואונדערבאַרער נאַטור, וואו יעדעס בלעטיל, יעדעס גרעזיל צייגט אויף גאָטס וואונדער? אָדער וואו איז אַ שענערער האָר צו הערען ווי אונטער די זינגענדע און קלינגענדע פֿייגעל, וואָס פֿעראייניגען זייערע מעלאָדיען מיט אונזער הייליגען געבעט? — נאָר ביי שלעכטעם וועטער קומען מיר צוזאַמען אין איין הויז, וועלכעס איז פֿון אונז דערצו ערבויט. דאָס הויז איז אָהן פּראַכט און פֿערציערונג, אָבער אַלעס דאַרין איז גוט און געשמאַק־פֿאָל איינגעאָרדנעט און געשאַפֿען, צו ברענגען אונזער געמיטה אין געטליכע שטימונג.

— און מיט וואָס בעשעפֿטיגט איהר זיך הויפּטזעכליך?

„אונזערע בעשעפֿטיגונג איז ערדאַרבייט און פֿיה־ערציהונג, און וואָס עס פֿערבלייבט אונז פֿון אייגענעם בעדאַרף פֿערקויפֿען מיר אַנדערע, און מיט דעם פִּדְיוֹן שאַפֿען מיר אונז אַלעס נייטהיגע און לאָזען נאָך וואָס איבער אויף שלעכטערע צייטען.

— און וועלכע רעגירונג איז ביי אייך איינגעפֿיהרט?

„אונזער רעגירונג איז אויף פֿאַרצייטיגער אָרט ווי מיר האָבען געלעבט אין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, איידער אונזערע עלטער־עלטערען האָבען אויסגעקליבען שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ צו רעגירען איבער זיי. אין יעדער געמיינדע ווערד אויסגעקליבען דער עלטעסטער, בעסטער און קלוגסטער פֿון אַלעמען, און ער בלייבט אונזער ריכטער און פֿיהרער אויף לעבענס לאַנג. דאָס איז נור אַ עהרענשטעלע, קיין לוין ווערד דערפֿאַר ניט געגעבען. ווען עס קומט פֿאַר אַ כְּלַל־זאַך, דאַן קומען צוזאַמען אַלע עלטעסטע אום זיך דאַריבער צו בעראַטהען, און נאָך די מעהרהייט פֿון די שטימען ווערד די זאַך ענטשידען.

— און ווי פֿערברענגט איהר די צייט אין אייער רוהע, ווען אייער גאָטעסדיענסט איז געענדיגט און ווען איהר זייט פֿריי פֿון אייער אַרבייט?

„דאַן בעשעפֿטיגען מיר זיך מיט דער ערציהונג פֿון אונזערע קינדער, צו לערנען מיט זיי תּוֹרָה און זיי צו קרעפֿטען קערפּערליך און גייסטיג. ווי נור עס ווערד אונזער טאָגעסאַרבייט בעענדיגט, זאַמעלט יעדער

הויזפֿאָטער זיינע קינדער אַרום זיך, רעדט מיט זיי פֿון גאָט, דעם בעשע־פֿער פֿון דער וועלט, ווי מע דאַרף איהם דאַנקען און ליעבען און דיענע און טהון אַלעס וואָס ער האָט אונז געבאָטען און גוט און עהרליך זיין — ווייל דאָס איז זיין פֿערלאַנגען און נור דערמיט קענען מיר איהם געפֿעלען און אַלעס גוטעס פֿון איהם ערהאַלטען. געגען אָבענד געהן מיר אַלע אויף דעם פֿרייען פֿעלד; דאָרט לערנען זיך די קינדער גימנאַסטיק, אום געשיקט און פֿלינק צו זיין אין אַלע גלידער, לערנען שפּרינגען און לויפֿען, שיסען, פֿעכטען, שליידערען און געברויכען אַלע אַרט כּלי־זין. צום שיסען זענען מיר אַלע גרויסע בּריות, און וועה דעם שׂונא וואָס זאָל וועלען מיט אונז קריעג פֿיהרען, דען ער וועט שוין דעם וועג צוריק אַהיים ניט טרעפֿען. אָבער ביי אונז קומט קיין מאָל ניט דערצו, דען מיר לעבען מיט אַלעמען אין פֿריעדען, און אַלע מיט אונז דעסגלייכען. מיעד און מאַט קומען מיר אַלע אַהיים רעכט שפּעט, עסען אונזער אָבענד־ברויט, און געהען דאַן אַרויף אויף די פּלאַכע דעכער דערצעהלען זיך אַלערליי מעשׂיות און געשיכטען, אָדער זינגען פֿערשידענע ליעדער. אונזער געבענשטעס לאַנד מיט איהר וואונדערליכער נאַטור ערהעבט הערץ און זעעלע צו זאַנג און קלאַנג. די פּאָעזיע איז אונזער בעסטע אונטערהאַל־טונג און יעדער פֿון אונז איז מעהר אָדער וועניגער פּאָעט פֿון נאַטור. אַם פֿרעהליכען יום־טוב סוכּות, קומען מיר אַלע מיט אונזער יונגען דור אויף דעם גרויסען פּלאַץ אין וואַלד, דאָרט ווערד עקזאַמען געהאַלטען פֿון גימנאַסטיק און פּאָעזיע, און ווער עס צייכענט זיך בעזונדערס אויס בעקומט אַלס פּרעזענט אַ לאָרבערקראַנץ, וועלכען אונזערע זקנים לייגען איהם אייגענהענדיג אויפֿ'ן קאָפּ, און דאָס ווערד ביי אונז אַלס גרעסטע בעלוינונג געהאַלטען. פֿאָריגעס יאָהר האָט מיין טאָכטער'ל רבקה ערהאַל־טען אַ לאָרבער־קראַנץ, פֿאַר איהר אויסצייכנונג אין פּאָעזיע — דאָ איז געוועזען נחת און פֿרייד פֿאַר אונזער גאַנצער משפּחה! מיט דעם לאָרבער־קראַנץ ווערען אויך אַלע אונזערע שידוכים געשלאָסען — דען ווען אונ־זערס אַ מעדכען געפֿעלט איינינע בּחורים צוגלייך, מוזען זיי זיך שטעלען צום געוועט, ווער פֿון זיי צייכענט זיך אויס מעהר ווי אַלע אין קערפּער־קראַפֿט און פּאָעזיע, צו דעם טרעט דאָס מעדכען צו, און בעקרענצט זיין קאָפּ מיט לאָרבערען, דאַן שרייען אַלע „מזל טוב!" דער שידוך איז מיט דעם געשלאָסען און דאַרויף קומט שוין די צערעמאָניע פֿון דער חתונה כּדת משה וישׂראל.

— אַך, ווי שען עס איז ביי אייך אַלעס איינגעאָרדנעט, און ווי גליקליך עס לעבט זיך דאָ! — רוף איך אויס מיט געריהרטעס הערצען — ווי גערן וואָלט איך געוואָלט היע בלייבען און געפֿינען ביי אייך מיין גליק!

— טהוט ווי אייער האַרץ הייסט אייך, ליעבער פֿריינד! מיין הויז איז פֿאַר אייך פֿריי, אונז איז יעדער מענש ליעב, ווען ער איז נור פֿלייסיג און עהרליך. מעהר הענד צו דער אַרבייט, איז מעהר בּרכה פֿאַר דאָס הויז, איהר זייט אָבער מיעד פֿון וועג, עס איז פֿאַר אייך צייט צו רוהען, אויך איז עס שוין רעכט שפּעט. געהן מיר איצט שלאָפֿען, און אם־ירצה־השם מאָרגען וועלען מיר זיך וויטער פֿיהרען אונזער געשעפֿט.

אַזוי רעדענדיג נעהמט ער מיך ביי דער האַנד און פֿיהרט מיך אין אַ קאַמער, וועלכע איז געוועזען פֿאַר מיר בעשטימט. דאָרט געפֿין איך שוין אַלעס אָנגעגרייט — און איך בין זאָגלייך איינגעשלאָפֿען.

עס איז געוועזען איין טיעפֿער זיסער שלאָף, און איך האָב נאָך דערצו געהאַט איין אַנגענעהמען חלום. אין חלום צייגט זיך מיר מיין אור־עלטער־פֿאָטער, דוד המלך מיט דער האַרפּע, ער לעגט מיר אַ קראַנץ אויפֿ'ן קאָפּ און זאָגט: דער לאָרבערקראַנץ וועט דיך צו דיין גליק פֿיה־רען. דורך איהם וועלען צוויי שענע פֿלאַנצען זיך פֿעראייניגען, צוויי צווייגליך פֿון יהודה און ישׂראל וועלען זיך צוזאַמענוואַקסען צום גליק און בּרכה פֿאַר ביידע...

די העלע שטראַהלען פֿון דער זון האָבען אין פֿריהען מאָרגען בעשיינט מיין קאַמער און מיך אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף. אינים הויז האָט עס שוין געראָדערט פֿון טריט און שטימען. איך טרעט אַראָב פֿון בעט און געה צו צום פֿענסטער און עפֿען עס. פֿאַר מיר ליגט אַ ווייטעס ברייטעס קאָרנבעוואַקסענעס פֿעלד, אַ שטילער ווינד שוועבט איבער די פֿולע זאנגען, זיי שאָקלען זייערע געלע קעפּליך וועלכע בלישטשען פֿון די זונענשטראַהלען ווי לויטער גאָלד, איין געזאַנג פֿון פֿערבאָרגענע פֿייגעליך קלינגט ליעבליך פֿון אַלע זייטען. די זון האָט איהרע גאַנצע פּראַכט פֿערבראַכט אום די נאַטור קעניגליך אויסצופּוצען. איין היילינגעס ציטערן איבערפֿאַלט מיינע גלידער און וואַרמע טרעהרען טרעטען מיר אין די אויגען. טיעף געריהרט פֿאַל איך אויף די קניע און מיין האַרץ ערגיסט זיך אין אַ גליהענדעס געבעט צו גאָט. אַז איך האָב מיין תּפֿלה געענדיגט, הער איך ווי די הויזטהיר עפֿענט זיך און אַלע הויזלייט געהן פֿערביי מיין פֿענסטער, יעדער מיט זיין שניידמעסער אין דער האַנד.

(פֿאָרטזעצונג קומט)

## ליטעראַרישע נייעס.

דער 15־יעהריגער יאָהרצייט פֿון סמאָלענסקין. אַ גרופּע מענשען וועלכע שעצען דעם נאָמען פֿון פּרץ סמאָלענסקין ז"ל האָבען געשיקט צו די יודישע צייטונגען דעם דאָזיגען בריעף:

י"ח שבט תר"ס האָט זיך געענדיגט דאָס 13־טע יאָהר זייט עס איז געשטאָרבען אונזער שרייבער פּרץ סמאָלענסקין ז"ל. וועמען עס איז נור בעקאַנט, וואָס עס האָט זיך געטהון אין דער יודישער וועלט די לעצטע 10 יאָהר, ווייס ווי סמאָלענסקין האָט געדינט דעם יודישען פֿאָלק אין דער ביטערער צייט. מיט זיין ענערגיע און אונערמידליכע אַרבייט האָט ער אונגעצונדען ליכט פֿון וויסען אין די פֿינסטערע פֿערוואָרפֿענע יודישע ווינקלען און האָט געשאַפֿען פֿיעל נייע אונערמידליכע פֿאָלקסקעמפֿפֿער ווי ער אליין. סמאָלענסקין האָט זיין גאַנץ לעבען געאַרבעט צוריקצו־קעהרען יודען אין זייער היילינג לאַנד און פֿאַר זיין געטריישאַפֿט דער אידעע האָט ער פֿיעל געליטען און פֿערבראַכט זיין לעבען אין שרעקלי־כער נויט. אויף דעם קבר פֿון דעם מענש איז נישטאָ קיין רעכטע מצבה, סמאָלענסקין איז געשטאָרבען אין מעראַן ווייט פֿון דער היים, איינינע מענשען האָבען איהם בעגלייט אויף דעם בית־עולם, און קיינער האָט נישט דערמאַנט וואָס ער האָט געטהון פֿאַר זיין פֿאָלק, זיין טויט איז געוועזען אַזוי פֿינסטער ווי זיין לעבען, אַ גרופּע פֿון יונגע מענשען אין אָדעס האָבען בעשלאָסען אַרויסצוגעבען צום זכר פֿון זיין 15־יעהריגען יאָהר־צייט אַ זאַמלונג פֿון אַרטיקלען אין העברעאיש, רוסיש און זשאַרגאָן וועגען סמאָלענסקין.

דער אינהאַלט פֿון די אַרטיקלען וועט זיין: די טהעטיגקייט פֿון סמאָלענסקין בּכלל, סמאָלענסקין אַלס בעלעטריסט, סמאָלענסקין אַלס פּובליציסט, סמאָלענסקין אַלס קריטיקער, סמאָלענסקין אַלס נאַציאָנאַליסט און זיין אויספֿיהרליכע ביאָגראַפֿיע. די רעדאַקציאָן פֿון דעם בוך האָט גענומען אויף זיך ה' מ. ל. ליליענבלום. די הכנסה וואָס וועט איינטראָגען דאָס בוך וועט געהן צו שטעלען סמאָלענסקין אַ מאָנאָמענט אין ארץ ישׂראל. אַרטיקלען פֿאַר דעם בוך בעט מען צו שיקען ה' ליליענבלום אין אָדעס.

געשיכטע פֿון דער יודישער קהלה אין לובלין. עס איז אַרויס פֿון דרוק אַ מאָנאָגראַפֿיע פֿון ש. ניסענבוים וועגען די געשיכטע פֿון יודען אין לובלין. האָטש די לובלינער קהלה איז איינע פֿון די עלטעסטע אין פּולין און האָט אַמאָל געשפּיעלט אַ גרויסע ראָליע אין דער מלוכה, פֿון דעסטוועגען איז איהר געשיכטע ביז יעצט וועניג בעקאַנט. ליידער האָט מען די עלטעסטע פּנקסים פֿון דער קהלה צוגענומען אין שטאָדט־אַרחיוו און זיי זענען דאָרט פֿערברענט גע־וואָרען, דער מחבּר האָט זיך נור בענוצט מיט דעם פּנקס פֿון דער חברה קדישא פֿון יאָהר 1684. דאָס בוך ענטהאַלט לעבענסבעשרייבונגען פֿון איינינע בעריהמטע פּערזאָנען אין לובלין, די אויפֿשריפֿטען פֿון גאַנץ אַלטע מצבות, און אויך אַ צעטיל פֿון אַלטע ספרים וועלכע האָבען זיך געדרוקט אין לובלין.

אויס מלחמות. דאָס בעריהמטע בוך „די וואָפֿען ניעדער" פֿון דער באַראָנין זוטנער צו פּראָפּאַגירען די אידעע פֿון שלום ווערט איבערגעזעצט אין לשון קודש פֿון ה. רומעלער.

Verlag „Achiasaf". Verantwortlicher Red. M. Berkowicz. — Herausgeber u. Buchdrucker Josef Fischer Krakau.

# נייעם ! נייעם ! נייעם !

ד ע ר פ י ע ר פ א כ ע ר

## ספר „שבט יהודה השלם" אין צווייא טהייל :

איבערזעצט פון ריכטיגע קוועללע און צוגעגעבען ניטצליכע אנמערקונגען פון יהושע מזה איז יעצט ערשינען פון דרוק אין דער זשארגאנישע שפראכע.

אינהאלט פערצייכניס פון ערשטע אבטהיילונג :


| | |
|---|---|
| די יודישע ישועה | 1 |
| תולדות אבן ווירגא | 3 |
| צו די לעזער | 7 |
| למען דעת | 24 |
| גאטטעס הייליגע רייד | 25 |
| ביטערע דריי טעג | 29 |
| דער געהרגת'ער איז געקומען | 31 |
| די יודישע פערטרייבונג פון א"י | 40 |
| די עצה | 68 |
| די יודישע זרע המלוכה | 72 |
| דער יחוס משפחה | 77 |
| די אומזאנסטע פיינדשאפט | 80 |
| דאס בלוט איז טרייף | 81 |
| די צוויי פעלדמארשאלען | 89 |
| ספורים געגען די נאטור | 92 |
| רייך און שטא־ק | 97 |
| אגעגנבת'ער פסוק | 101 |
| דער גליק פון שבת | 104 |
| דיא דרייא רעליגיאנען | 107 |
| אלטע יודישע צרות | 108 |
| אצרה נאך אצרה | 112 |
| דיא צוויי טיראנישע ברידער | 113 |
| דער בארג גריזים | 115 |
| דער פאלשער ברודער | 117 |
| דער גרויסער טעות | 120 |
| אמוסר השכל | 124 |
| עלעפהאנטען מיט טהורמס | 129 |
| מדה כנגד מדה | 133 |
| דער רמב"ם | 135 |
| גרויסע צרות דורך אפאלשען משיח | 136 |
| אין גרעסטע סכנה | 144 |
| אנייער משיח מיט נייע צרות | 145 |
| אנייער תכשיט | 150 |
| דיא צווייא אהייערע שטיינער | 151 |
| טיטוס ביי די מויערן פון ירושלים | 157 |
| ביטערע רייד וויא גאל | 163 |
| דיא מוטער פון שיר ומליצה | 165 |
| תולה ארץ על בלימה | 170 |
| נפלאות הבריאה | 172 |
| דיא צמחים | 175 |
| דיא פארבען | 176 |
| דער בוים | 177 |
| דיא שטארקע חושים | 177 |
| פאר וואס איז דער מענש שוואך | 178 |
| הים איננו מלא | 182 |
| דער קלוגער פערד | 183 |
| ווארום איז שנעע וויים ? | 183 |
| דער האגעל | 184 |
| דער רעגען | 184 |
| אפראגע אהן א ענטפער | 185 |
| דער גרעסטער פראש | 192 |
| צרות אהן אצייט | 196 |
| **חלק שני** | |
| **דער צווייטער קונטרס** | |
| דיא צווייטע קרייצפאהרער | 195 |
| דיא יודען אין דייטשלאנד | 197 |
| דער קד"ש רבי שמעון | 199 |
| דיא יודען אין דיא פעסטונגען | 200 |
| דעם קייזערס שטעלפארטרעטער | 201 |
| דער גרייסער זינדיגער | 202 |
| דער מערדער רודאלף | 203 |
| צו שפעט | 204 |
| די צרות זענען גרעסער געווארען | 206 |
| דיא יודישע מלחמה | 207 |
| רבנו תם | 209 |
| צוריק אהיים | 210 |
| די פאנאטיזמוס | 212 |
| ענדע מלחמה | 213 |
| **דער דריטער קונטרס** | |
| הקדמה | 219 |
| דער גאנצער ספור פון גזירות ת"ח ות"ט | |
| ענטהאלט 80 דרוק זייטען | 223 |
| **דער פיערטער קונטרס** | |
| דיא גזירות פון ליטא | 269 |
| הודעות | 299 |


דער „שבט יהודה השלם" איז ארויס געגעבען אין א פראכט-פאללע אויסגאבע אוןביידע טהיילע (אין פיער אבטהיילונגען) קאסטען נור 55 קאפ', איך האפפע דאס ווער עם וועט דעם שבט יהודה השלם לעזען וועט זעהען און מודה זיין אז איך האב בעשטימט א קליינעם פרייז געגען זיין וויכטיגקייט. צו בעקומען ביי דעם פערלעגער מרדכי קאצענעלענבויגען בוכהענדלער אין ווילנא.

קירצליך וועט ערשיינען פון דרוק „דאס בית המקדש" (בנין אריאל) אין צוויי טהייל דער ערשטער טהייל, ענטהאלטעט א דייטלעכע בעשרייבונג פון דעם ערשטען בית המקדש וואס שלמה המלך ע"ה האט געבויט און פון דעם צווייטען בית המקדש וואס דיא עולי-בבל האבען געבויט. דער צווייטער טהייל ענטהאלטעט א דייטליכע בעשרייבונג פון דעם דריטען בית המקדש וואס הורדוס האט געבויט, איבערזעצט פון „תלמוד", „מדרשים" און „שבט יהודה", מיט 8 פראכטפאללע איילבילדער.

דער ספר וועט זיין אזעלטענע ערשיינונג אין דיא זארגאנישע ליטעראטור.

מיין אדרעססע:

**M. Katzenelenbogen, Wilno.**

---

# פריילינגען און דאמען

קענען זיך אויסלערנען גוט שניידען און נייהען אין אקורצע צייט דורך בריעף אין זארגאן, רוסיש אין דייטש. די מעטאדע איז די בעסטע און די גרינגסטע. אפילו 12 יעהריגע מעדכען קענען זיך גוט אויסלערנען. אויף תשובה א מארקע. ניט זוימט און פרעגט אן ביי :

Mme. Naiditsch, Dawid-Horodok, Gouv. Minsk, Russie.

---

# נור מיט עטליכע רובל

קאן יעדער מענש ביי זיך אויפ'ן ארט א גוטע פרנסה איינפיהרען אזוי ווי איך גיב צו ערקלערען דורך א בריעף געגען א 7 קאפ' מארקע.

אדרעסירען :

Mr. Naiditsch, Post-Restant, Warschau, Russie.

---

# ציוניסטען אוהרען.



מארקע געזעצליך געשיצט.

א הרען אויס איינע דער בע-סטען גענפער אוהרען-פאבריקען. פראכטפאללעס אויסזעהן, גאראנ-טירט אייף 6 יאהר פיר דויער-האפטיגקייט אונד פינקטליכקייט אן א שום רעפעראציע. אויף ביידען זייטען דער קאפערטע און אוף דעם ציפערבלאט בע-פינדען זיך זעהר שענע עמאלירטע אויפשריפטען לויט אבענשטעהענ-דער אבבי דונג.

די אוהרען זינד פאבריציהרט פון איינער שווייצערישען פאבריק צים אנדענקען דעם באזעלער קאנגרעססעס אונד דאהער ביז-אנדערס אללען ציוניסטען צו עמפפעהלען.

נאך פראנקרייך אונד אמעריקא זינד פיעל אוהרען פערקויפט געווארען איך בין זיכער, דאס אלע קויפער ווערדען העכסט צופריעדען זיין.

## פרייז פון ציוניסטען־אוהרען :

שטאהל אנקער איינע זייטע אפפען ערסטער קוואליטעט 9 רובעל.
„ „ „ עקסטרא „ 10 „
„ „ ביירע זייטען גערעקט „ „ 11 „
„ „ פיר דאמען „ 10.50

זילבערנע אנקער ביידע זייטען גערעקט :
„ שליסעל אויפצוג עקסט־א קוואליטעט 14 רובעל.
„ רעמאנטואר „ „ 15 „
„ פיר דאמען „ 13.50 „

צו יעדער אוהר ווירד צוגעגעבען גראטיס איינע פראכטפאללע קעטטע מיט קאמפאס מגן דוד פון עכטען אמעריקאנישען גאלד. די אוהרען ווערדען געשיקט פר. נאכנאהמע נאך עמפאנג 2 רובעל אנגאבע.

די הויפטנידערלאגע דער ציוניסטען אוהרען פיר גאנץ רוסלאנד און פאלען איז ביי

**ש. בודראצקי, ווארשא, גראניצשנא שטר' 6.**

**Sz. Budrazki, Warszawa, ul. Graniczna 6.**

---

# יי"ש לחג הפסח למהדרין ולמבינים.

היי"ש שלי ב"ה נודע כבר בטוב טעמו וריחו ובזך מראהו וכן ביתרון הכשרו (כל הפועלים והעוסקים אצלי המה מאחבנ"י) כמו שיעידו ויגידו הגאונים והצדיקים : מו"צ דק"ק הוראדנא,
ה"ר מרן ר' ברוך מרדכי ליבשיטץ זללה"ה אב"ד דק"ק שעדלעץ.
ה"ה מרן ר' אליהו חיים מייזיל שליט"א אב"ד דק"ק לאדז.
אדמו"ר ר' גרשון הינך זללה"ה מראדזין.
ה"ר מרן ר' יוסף דובער זללה"ה אב"ד דק"ק בריסק.
ה"ה מרן ר' חיים הלוי סאלאווייציק שליט"א אב"ד דק"ק בריסק.
ה"ר מרן ר' יצחק אלחנן ספעקטאר זללה"ה אב"ד דק"ק קאוונא.
ועוד ועוד.

כל הקונים יוכלו לקבל היי"ש בבקבוקים חבושי פסים, בני 1/20 1/10 ההין, ישר מהזאוואד שלי מוכן למכירה ישר לידיהם ואינו נחוץ לשלחו להקאזיאני סקלאד.

הקונים הפרטים יקבלו את היי"ש פסח שלי וכן מנוקה וישן בכל הרינסקע פאגרעבין וטראקטירין הגדולים וכן יוכלו לקבל ישר מהזאוואד שלי אך לא פחות מהין שלם (20 בקבוקים בני 1/20 ההין).

☞ הקונים ידרשו כי על הבקבוקים יהיה העטיקעט שלי ממראה מגן דוד וכן על כל בקבוק נדבק הכשר מהרבנים הגאונים הנ"ל וישימו נא זאת הדורשים יי"ש פסח אל לבם.

**נאום דובער בהגאון מוהר"ר מרדכי גימפל זללה"ה יפה.**

# פיר די אבאנענטען פון „יוד" ❀ ❀ ❀ ❀ ❀

## די „יודישע פאלקסגעשיכטע" פון פראפ' גרעטץ אין 4 טהייל, וועלכע קאסטעט 4 רובל, בעקומען די אבאנענטען פון „יוד" פיר נור 1 רובל, פארטא 50 קאפ.

צו לערנען און צו בעקענען זיך מיט דער געשיכטע פון אונזער פאלק — איז א חוב קדוש אויף יעדען יודען. נאך אידער יודען זענען העריין געקימען אין ארץ ישראל האט זיי משה רבנו ע"ה אנגעזאגט: „וזכרו ימות עולם בינו שנות דור ודור, שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך", „איהר זאלט געדענקען די אלטע צייטען און זאלט פערשטעהן וואס עס האט גע-טראפען אין יעדען דור, פרעג דיין פאטער וועט ער דיר דערצעהלען, דיינע אלטע לייט וועלען זיי דיר זאגען". דעם בעפעהל איז גאנץ גרינג צו פערשטעהן, דען ווער נאך האט אזוי נייטהיג צו קענען זיין געשיכטע ווי דאס יודישע פאלק? וואו נאך קען דער יוד אזוי פיעל שעפען אמונה, בטחון, מוטה, טרייסט און האפנונג ווי אין דער געשיכטע פון זיין פאלק?

נאר דער וואס לערענט די יודישע געשיכטע ווייס וויפיעל צרות יודען זענען איבערגעקומען, וויפיעל מאל דאס יודישע פאלק איז שוין געוועזן אין סכנה, דאס די שונאים האבען געמיינט אז דאס גאנצע פאלק געהט שוין אונטער, און עס וועט ניט בלייבען קיין זכר פון יודען, און דער שומר ישראל האט אונז דאך מציל געוועזן און געלאזט לעבען ביז אויף דעם היינ-טיגען טאג! נאר דער וואס קען די יודישע געשיכטע ווייס, אז די יודען זענען ניט שטענדיג געוועזן נע-ונד'ניקעס, שנארער ביי פרעמדע טישען, נאר זיי זענען אויך א מאל געוועזן שענע בעלי-בתים אין זייער אייגען לאנד; אז דאס יודישע פאלק האט זעהר פיעל געשאפען פאר דער גאנצער מענשהייט, אז דאס יודישע פאלק האט הערויסגעגעבען פיעל גרויסע מענשען וועלכע האבען בעלויכטען די גאנצע וועלט מיט זייער תורה, מיט זייער חכמה, גוטע מדות און מעשים טובים! נאר דער וואס קען די יודישע געשיכטע ווייס און פערשטעהט, אז דער פרט, דאס הייסט יעדער איינצעלנער יוד, איז אבהענגיג פון כלל, פון גאנצען פאלק ישראל, אזוי ווי יעדער אבר ביי א מענשען איז אבהענגיג פון גאנצען גוף, און דעריבער, אז דער גוף איז חלילה קראנק מוז יעדער אבר פיהלען דעם ווייטאג און קען נור דאן געזונד ווערען ווען דער גאנצער גוף ווערט געזונד.

ביי יעדער אומה ולשון שטעהט די געשיכטע פונ'ם פאלק אויף דעם ערשטען פלאן. אין זייערע קינדערשולען ווערט אלער-ערשטענס געלערענט די געשיכטע פון זייער פאלק, און דעריבער קענען טאקי זייערע טאטעס און מאמעס, זיהן און טעכטער זייער געשיכטע קלאר. זיי ווייסען, ווער עס זענען געוועזן זייערע גבירים, זייגרע גרויסע לייט, זייערע שרייבער, זייערע חכמים, זייערע משוררים (פאעטען), זייערע בעלי טובות, און אלע וואס האבען פערזארגט זייער פאלק אין פערשידענע צייטען. נאר ביי אונז יודען, לײדער, האט מען דאס אין גאנצען פערנאכלעסיגט. ניט נור אונזערע ווייבער און טעכטער, נאר אפילו אונזערע זיהן וואס לערנען די געשיכטע פון אזוי פיעל פעלקער, דארונטער אזעלכע וואס זענען שוין לאנג אונטערגעגאנגען, ווייסען ניט דאס מינדעסטע פון זייער **אייגענער** געשיכטע; אויך דער גאנצער המון ווייס ניט מעהר ווי איינינע שוואכע זכרונות וואס זענען איהם איבערגעבליבען דורך די ימים טובים און העניתים; נאר אויך די זכרונות ווערען פון טאג צו טאג שוואכער.

פיהלענדיג דאס אלעס האט „חברת אחיאסף" בעשלאסען צו געבען די **אבאנענטען פון „יוד"** די מעגליכקייט, זיי זאלען בעקומען א פאלשטענדיגע פאלקס-געשיכטע אין א לייכטער פערשטענדליכער שפראך פיר

## ☛ א גאנץ קליינעם פרייז: 1 רובל. ☚

צו דעם צוועק האט „חברת אחיאסף" אבגעקויפט ביי דעם הערויסגעבער פון „פראפ' גראטץ'ס יודישע פאלקס-געשיכטע" א גרויסע צאהל עקזעמפלארען

**אויסשליסליך פיר די אבאנענטען פון „יוד".**

---

די געשיכטע ענטהאלט 75 בויגען גרויס פארמאט אין 2 בענדער (יעדער באנד 2 טהייל), זעהר שען געדרוקט און אויף א שענעם פאפיר. און זי ליגט שוין גרייט פיר די **אבאנענטען פון „יוד"**

## אלע 4 טהייל נור פיר 1 רובל.

---

### דאס זענען די בעדינגונגען:

1) יערער אבאנענט וואס בעצאהלט באלד די 5 רו"כ פיר דאס גאנצע יאהר 1900 זאל אזוי גוט זיין צושיקען צו-זאמען מיט די 5 רו"כ אויך דען פרייז פיר די געשיכטע, וועט מען איהם זי באלד הערויסשיקען.

2) די וואס האבען שוין העריינגעשיקט די 5 רו"כ פיר דעם „יוד" אויף דעם יאהר 1900, דארפען אונז נור שרייבען א אפען קארטיל, דאס זיי פערלאנגען די געשיכטע (נאר זיי זאלען צושרייבען דעם נומ' פון זייער אדרעס), וועלען מיר זי באלד הערויסשיקען פער נאכנאהמע, און עס וועט נור צוגערעכענט ווערען 10 קאפ' פיר די נאכנאהמע קאסטען.

3) די יעהרליכע אבאנענטען וואס צאהלען אויס די 5 רו"כ אין ראטעס, וועלען קענען בעקימען די געשיכטע צום ביליגען פרייז, נאכדעם ווי זיי וועלען איינצאהלען די צווייטע ראטע און וועלען מוסיף זיין דעם פרייז פיר די געשיכטע.

קורץ געזאגט, אלע וואס וועלען האלטען דעם „יוד" דאס גאנצע יאהר 1900 וועלען בעקומען די פאלקס-געשיכטע בלויז פיר 1 רובל, און דער אונטערשיד איז נור, דאס די וואס בעצאהלען באלד פיר דאס גאנצע יאהר בעקומען אויך באלד די געשיכטע און די וואס צאהלען אין ראטעס וועלען בעקומען אביסעל שפעטער.

פאר אנדערע ניט אבאנענטען פון דעם „יוד", בלייבט דער פרייז ווי פריהער 4 רו"כ אויסער פארטא.

אדרעסע:

**Издательство „АХІАСАФЪ“,**
**ВАРШАВА** (Почтовой ящикъ Nr. 25)